האבין זייא אלע גישוואורין · דאש זייא ניט טארין · צוא איהרעם לײדין · איין װארט דער פון ריידין · אונ יעדע האט גיפירט איר מאן אהיים מיט פריידין :

דאך מיינע לעזערין דיזע פריידין װארין פון קורצין דויער · אין דרייא טעג ארום האבין דיא פרויען אן גיהייבין צוא בײנקען נאך זייער שמוק אונ זיינען גיװארין העכסט טרויעריג · אונ װייל זייא האבין ביט גיטארט אויש ריידין אװארט איבער דעם האבין זייא זיך גיגרעפט אונ גיקלעמט · אונ אימער גישמאלט · דאש הייסט גיװען ברוגז מיט דיא מאנען · אונ שמאלען · איז שלימער אלם גראלען · אפרויא מיט אפאר קרימטעס געזיכט · פלאגט מעהר אלם דיא גרימיגסטע גיפט (ראמאטעס) · אונ האבין זיך אזו פאר גריזעט אין שטילין · ביז אין פערלויף פון איין האלבעס יאר · איז אויש גישטארבין דיא שטאט גאנץ אונ גאר · עס איז ניט איבער גיבליבין קיין מאן אונ קיינע פרויא · דאש הייסט עס איז גישעהען וויא דער יענעראל האט פאראויס גיזעהען עס זיינען דארט גיבליבין מער ניט וויא צווייא מענטשין מיט אשניידער · װאש האבין גיהאט דאש גליק ניט צוא זיין פאר הייראטהעט אונ ניט פאר ליבט · אונ זייא האבין דער ציילט אלי װאש האט דארט פאסירט · וויא יעדערער באזונדער האט נו פון שווייגין קרעפירט · אונ דיא מענער נור אויש גראם (גריזאטע) פאר װאש זייא האבין גיהאט צוא פאר דאנקען זייער לעבין נור זייערע פרויען · װאש ליגין יעצט אין זייערע קלויען :

---

9478.1.29

# פייגעלע דער מגיד

דיזע שיינע געשיכטע איז גיװארין פערפאסט (געמאכט) פון דעם גרויסין אונ װעלט בעריהמטען געלערענטין א׳ בערענשטיין · איבער זעצט אין אידעשע טייטש פערקירצט · אונ איין עטװאס אום גיענדערט <צוא ליב דער אנשטענדיגקייט> פון

**א. מ. ד.**

## ווילנא


בדפוס ר׳ יוסף ראובן בר׳ מנחם מן ראם

שנת תרכ״ח לפ״ק


---

**ФЕЙГЕЛЕ МАГИДЪ,**

т. е.

**Фейга, призванная Магидъ или проповѣдникъ.**


ВИЛЬНА.

Въ типографіи Р. М. Ромма. 1868

На Жмудскомъ переулкѣ въ собственныхъ домахъ подъ №№ 327 и.328.

.1

## די קליין שטעטיל פירקאווע.

אין פריזן

דיזע שטעטיל פירקאווע איזט איינע קהלה (העיר הזאת) קדושה וואס איז בעריהמט אין דער אידעשע וועלט דורך דעם גרויסין וואול זיינגער ר' אפרים גרידיקער וואס וואר אין איר מיט הונדערט יאר צוא ריק אהין. וואס זיין [לכה דודי] ווערט נאך דארט עד היום געזונגען פון קינד אין קייט. דאס זעלבסט די דארטיגע נאצייל קטווא דער קענען אן דעם וועלכער יודע איין גיבארענער פירקאווער איזט. אונ וועלכער נור איין געוואנדערט דארט איז. וויל דעם לכה דודי קען נאר זינגען נור דער וואס דארט גיבארין איז. אונ האט זיך אין דעם געאיבט (איין געלערינט) פון זיינער קינדהייט אן. אויך איז דיזע קהלה זייער בעריהמט דורך איין געוויסין מגיד [ר' הלל האנעלם] וואס וואר דאן איין זאגער אין דער גאנצער וועלט. עס ווערט פון אים דער ציילט דאס זעלבסט די שטענדערס פלעגין ווערין אויף געציטערט דורך זיינע מוסר. אונ די מצבות פלעגין צוא וויינען דורך זיינע הספדים. נאך מער אבער איז דיזעס שטעדקען בעקאנט אין דער וועלט דורך איינעם גרויסין וואונדער וואס איז דארט פאר עטליכע אונ דרייסיג יאר געשעהען. עס וואר דארט דאן איין גרויסע שרפה וואס האט אפ געברענט אלע הייזר. זעלבסט די שול. דען בית המדרש. אונ האט דאך פאר שוינט די מקוה. זיא איז געבליבין שטיין וויא איין נאטעם וואונדער אין מיטין העלישען פייער. אונ שטייט נאך יעצט צוא

וזישן

Snangogen – Lieder

TIME: CONTEMPORARY

Harvard College Library
Nov. 18, 1898

DIK SUPPLIED THE NAME

Дозволено Цензурою 20 Декабря 1867 года Вильна.

DIK'S NAME

THE MIRACULOUS MIKVEH

ווישין די נייע געבייען וויא איין אלטער היילינגטהום צוא איינעם
אייביגען אנדיינקען פון דיזעם גראָסזען נס · און זאל וויא מען זאגט
דארט זיין איין גרויסע ווירקונג פאר די עקרות וואס גייען דארט
טבילה · און איז אזו איינע גרויסע בערימטהייט אין דער סביבה
פון צוואנציג מייל :

נאך דער שריפה האט זיך די שטעטיל אפ געבויט פיל
שענער און גרעסער אלס זיא וואר פאר הער און אונטער די נייע
געבייען צייכענען זיך אויס מיט זייער שוינהייט און גרויסקייט ·
די שול מיט איינעם געשניצטין אלמעמער · דער בית המדרש
און דעם נגידס הויז וואס מען האט אים גערופען ר׳ נח ברזלל ·
דער בית המדרש וואר אויס געבויט גראדע געגען איבער דער מקוה
מיט גרויסע ליכטיגע פענסטער · און האט אויס געברייטעט פון
זיך דאן אגרויסען ריח התורה איבער די גאנצע געגענד · דען עס
וואר איין געפירט אין אים דאן איין ישיבה פון פופצעהן בחורים ·
וואס האבין גילערינט מיט גרויש התמדה :

## .2

### די צוויא שוועסטער · גאלדע און פייגעלע .

ויהי היום) און עס וואר אין איינעם העלען און אויס
געלייטערטין נאכמיטאג אין דעם מיטין חודש אלול · זיינען זיך
דארט אין בית המדרש געזעסין צוויא בחורים פון דיזער ישיבה
איבער צוויא גרויסע אפענע געמארעס און האבין געלערינט מיט
דעם געוואונליכען גמרא נגון דאך זייער קאלט און שוואך דאס
יעדער זאך קענער וואלט זייער לייכט פארשטיין קענען דאס דיזע
ביידע בחורים האבין דאן ניט ערענסט געמיינט מיט דעם לערנען ·
און דאס זייא האבין געהאלטין אפין די גמרות נור צום שיין פאר
די עטליכע איבעריגע וואס ווארען נאך דאן דארט אין בית המדרש ·
דען



ען עס וואר דאך שוין כוף הזמן דאן דאס די ישיבה לייט צו פארין
היים · נון האבין זיך דארט אפ געשטעלט נור עטליכע פון
ער ישיבה :

איינער פון דיזע צווייען וואס וואר נאך אזו יונג דאס ער
אט קיין חתימת זקן געהאט · וואר זייער פאר טיפט גאר אין אפאר
שריבענע אידעשע בלעטער וואס ער האט גיהאלטין אויף דער
מרא · און האט צייטען ווייס פון דארט ארויס געקוקט מיט
ארפע בליקען דורך דעם פענצטער אין די קליינע שייבלאך פון
ער מקוה פענסטער וואס איז געשטאנען גראדע געגען איבר דעם
ית המדרש וויא מיר האבין שוין פריער בעשריבן · דער צווייטער
חור וואס וואר שוין פיל עלטער אלס דער ערשטער · האט זיך
אן וויא עס האט אויס געוויזען נאך פיל וויניגער זיך בעשעפטיגט
יט דער גמרא וואס וואר דאן אפען פאר אים · דען ער האט
עהאלטין אין זיינע הענד איין טייצעשעס בוך גאר און האט עס
עהאלטין זייער פאר זיכטיג · דען ער האט זיך אלץ איינגעהיט דאס
ען זאל עס ניט דער זעהען אין זיינע הענט :

added by Dik
וכאשר היום) און וויא עס איז נאך היינט צוא טאגע די
טע (מאדע) דאס די ישיבה לייט ווערין ניט גערופען מיט זייערע
ייגענע נעמען · נור נאך די נעמן פון זייערע שטעט · למשל איז
יינער פון צאבאסאק רופט מען אים „דער צאבאשקער“ אזו וואר
ארט אין די פאזנעשע שטעטלאך וואס געהערט צוא פרייסען
אש די פירקאנוע איז איינע פון זייא · אויך דער זעלביגער מנהג
ן דאהער וועלין מיר זייא דא רופען דיזע צוויא בחורים אויך נור
אך די נעמען פון זייערע שטעטלאך · דעם איינגערין וואס ער
אר פון צעמפעלבורג וועלין מיר דא רופין אימער „צעמפעלבורגער“
עם עלטערר וואס וואר פון קאסמין וועלין מיר רופין „קאסמינער“ :
„דוא ליבער קאסמינער“ האט זיך אפ גערופען צוא אים דער
מפעלבורגער בהאלטענדיק די גישריבענע בלעטער וואס ער
האט

האט געהאלטין אין האנד „דוא זעהעסט איר״? „איך האב איר נאך
ניט גיזעהען״ האט אים דער קאסמינער גיענטפערט „זיא וויסט
נאך דיא שויבען פון דער מקוה פענסטער · זיא וועט אבער וויא
איך גלויבע באלד אהער קומען · איך מיין נור אבער דיא גאלדען ·
דיא פייגעלען איז אבער ניט צו זעהען״ „א אונ דיא פייגעלע איז
נאך פיל היבשער„ האט זיך אפ גערופען דער אנדערער אונ האט
זיך באלד ווידער אן געהייבען צוא שאקלען אונ צוא זינגען דעם
גמרא נגון איבער דער אפענע גמרא · אונ אזו אויך דער צווייטער
ווייל זייא האבין דער זעהען דאש עש שלעפט זיך אין דיזע שמאלע
געסיל וואש צוא ווישין דעם בית המדרש אונ דער מקוה איין
געוויסער לייזער שלאפ · וואש וואר איין שם דבר אין דיזער שטעטיל
וועגין זיין ביי מויל אונ וועגען זיין גיין אין איין שטיוועל אונ
אין איין שוך ווייל ער האט געהאט איין פוס אקראנקע · ער וואר
איין ליידיג גייער · אונ האט אימער נאך געשפירט אום צוא האבין
וואש צו בעריידין · אונד דאך האט זייא דיזע פאר זיכטיקייט ניט
גערעטעט איצונד פון זיין ביז מויל · דען באלד וויא ער איז אונטער
געקומען צוא דעם פענסטער פון דעם בית המדרש האט ער אן
געהייבען צוא שרייען אויף זייא „א ווייא געשריען איבער דיא
היינטיגע וועלט · פאר צייטין פלעגין דיא בחורים פאר קלינגען דיא
גאנצע שטעטיל מיט זייער לערנען זעלבסט אין מיטין יאר · אונ
היינט איז אפילו אין אלול אויך שטיל זעלבשט אין דיזר מקוה געסל
וואש קומען אריין אין איר דיא פענסטער פון בית המדרש :

הדברים האלה) דיזע ווערטער פון דיזעם שטאט בעריידער
האט זייער שטארק געווירקט אויף דיזע צווייא בחורים · דאש זייא
זיינען געווארין רויט אונ טויט · דען זייא האבין פחד געהאט צוא
האט אזו איינער נאך ניט געהערט זייער קליינעם געשפרעך · אונ
צו האט ער ניט געזעהען דיא פארבאטענע זאכין וואש זייא האלטין
אין האנט · דאש הייסט דאש בוך אונ דיא געשריבענע פאפירען





ן האבין זיך נעבעך געריכט אויף איינעם הייסען אויף גום פון
ם ראש הישיבה וואש וועט קומען פון אוונד :

אך) דאך אבער קאם איז דיזער לייזער שלאפ אוועק פון
רטין האבין זייא אן געהייבען איבער נייעם צו ריידין פון דעם
ריגין ענין אונ האבין ארץ געקוקט מיט פאר ליבטע בליקען
יף דיא וואונדערליכע מקוה אונ האבען אזו לאנג גיקוקט ביז
ם האט זיך דארט אויף געמאכט דיא טירעלע אונ איינע פון דיא
וייא מיידכען איז ארויש אין געסעלע · ניט אבר די ערווארטעטע
לדע נור דיא שיין אויש געוואקסענע פייגעלע אין וועלכער עס
אר פרליבט דר צעמפעלבורגער איבער דיא אויערין · אונ דאהער
אורדע זיין אן געזיכט אויף געפלאמט · אונ זיינע אויגין גליהענד
אש עס וואר ליכט צוא ערקענען דאש ער איז געטראפען פון
ער פייל דער ליבע · אונ האט אזו איינע היפשע ווײלע צוא
זעהען וויא זיא לייגט אנידער אטוץ ליכט אויף אשטיין וואש
אר לעבין דער טירעלע פון דער מקוה · אונ בינט ארום איר קאפ
ט אפאציילקע דאמיט זיא זאל ניט אריין גיין אין בית המדרש
יט הוילע האר „ניין איך האב שוין היינט ניט געטראפען״ האט
ך אפ גערופין דער קאסמינער זייער פאר דריסלעך „ניין היינט
ומט ניט גאלדע · דיא מיינינע · נור דיא פייגעלע דיין · נון
עם דוא זיא אויף„ :

וכן) אונ אזו איז אריין אין בית המדרש דיא פייגעלע מיט
פולען הויפען ליכט · אונ דער צעמפעלבורגער איז איר באלד
עקומען אנטקעגין אום עס אפ צו נעמען פון איר „בחור״ האט זיא
וא אים געזאגט „נעם צו פון מיר דיא ביסיל ליכט · איך האב היינט
ור איין העלפט געבראכט · אונ דער צוא נאך אביסיל שפעטלאך
יא אנדערע העלפט וועט ברייגען באלד גאלדע · דיזע לעצטע
ווערטער איהרע האבין ממש מחיה געוועזן אויך דעם ארעמען
קאסמינער אונ האט אויף דער שטעלע אויף גיהערט מקנא צו זיין

דעם צעמפעלבורגער װאש האלט זיך דא אונטער מיט דער פייגעלע װאש ער אין איר שטערבליך פאר ליבט און פאר שלינגט אין זיך איהרע יעדע מינע און איר יעדעם װארט · װייל ער װאר שוין ביי זיך זיכער דאש באלד װעט ער אויך דיזעס גליק געניסען פון זיינער גאלדע װאש ער ליבט זיא און װאש זיא װעט באלד אויך אהער קומן

אונד דיזעס באלד האט מער ניט װיא איינע שטונדע געדויערט · דען אין איינער שטונדע ארום האט זיך דיא טירעלע פון דער װאונדער מקוה װידער גיעפינט און דיא קלענערע אבער פיל שענערע גאלדע האט פון איר ארויס געטראטין און האט אויך געהאלטין איין פעקעלע ליכט אין איר האנט און איז אריין דער מיט אין בית המדרש און האט איבער געגעבין דעם קאסטינער אין דער האנט · ער װאר אבער דער ביי ניט אזוא גליקליך װיא דער צעמפעלבורגער אונטער צוא האלטין זיך מיט איר אייניגע מינוטין אום צוא זעטיגן זיינע אויגען אן איהרע שוינקייט · דען קאם האט ער אן געהויבין צוא ריידען מיט איר זיין ליבליכען געשפראך װאש ער האט זיך מסדר געװען דיא גאנצע שטונדע פארהער מיט איר צוא שפרעכין האט זיך אן געדרייט דער לייזער שלאפ װידער און האט אן געהייבען צוא שרייען „גאר אנייעס״ מיר האבין שוין דער לעבט גוטע יארין דאש אונזערע ישיבה בחורים האלטין זיך אונטער מיט מוידען אין בית המדרש גופה״ דיא גאלדע האט זיך פון דארט ארויש געהאפט װיא פון פייער נעבעך · און איז אריין געלאפען צוא ריק אין דער קליינע מקוה טירעל װיא איינע צו שראקענע מייזעלע אין איר מויזלאך · און דיא צװייא ארומע בחורים זיינען געבליבין שטיין װיא געריכטעטע אויף דעם ריכט פלאץ :

## 3.

## „ר׳ חיים דעם מגידם״

נעזוב נא) לאמיר פאר לאזין אויף אװײלע דיזע צװייא אונגליקליכע



אונגליקליכע פאר ליבטע ארעמע בחורים · און װעלין אונז װאגין אריין צוא דרינגען אביסיל װייטער אין דיזער װאונדער מקוה · דער איינװאוינער פון דיזער היילינגען געבייא װאר איין געװיסער ר׳ חיים עם מגידם · ער האט שוין צייט פינף יאר דארט געװאונט און מען אט אים דארום גערופין דארט „ר׳ חיים דער מקװעניצער״ און ער ואר צוא גליק דער פאטער פון דיזע צװייא מיידכען פייגעלע און אלדע מיט װעלכע מיר װעלין דא באלד פיל בעקאנטער װערין · יזער מקװעניצער װאר איין גראדער איינינקיל פון דעם גרויסין גיד װאש מיר האבין דא פון אים שוין פריער געשריבען · זיינע רויא אבער װאש װאר שוין לאנג עליה השלום װאר איינע אור איינינקעל פון דעם גרוישין חזן אפרים גריידיקער · און דיזע ביידע יידכען האבין געערבט פון זייערע זיידעס זייערע ביידע גרויסע עלות · דאש הייסט חזנות און מגידות · דען דיא פייגע װאר איינע גרוישע זאנגערקע · און דיא גאלדע װאר איינע גרוישע נערין · דאש זיא האט גיקאנט דאװנען אמוסף װיא דער בעסטער ן · מיט אאר פינף פאר דער גרוישע שרפה װאש דארט װאר · אר דיזער ר׳ חיים איין מלמד און האט זיך דארט אין פירקאװע עלעבט זייער רואיג און דער צוא בכבוד · נון איז געקומען מיט יין מאל איינע אוננעריכטע גזירה פון דעם מיניסטער אלטענשטיין · עקטע פון בערלין קיין פירקאװע · דאש דיזער ר׳ חיים דעם גידם זאל איין עקזאמען מאכין פון דער טייטשע שפראכע · ון רעכענן · פון געשיכטע · און װער רעט שוין פון דער העברייעשע שפראכע גאר · דאש הייסט פון לשון הקודש · װאש דאש װאר ים נאך פיל שװערער אלס אלע יענע איבעריגע זאכין · און האט אוי געמוזט צו ליב דעם צוא שליסין זיין חדר · און בלייבין איין ייביגער שונא דעם אלטענשטיין · און מיט רעכט · דען ער האט אך יורד לחיים געװען · עש האט זיך אפילו אן גענומען פאר אים ארט דער דארטיגע װאכמייסטער (אסעסאר) · און אזו אויך דיא

נאנצע

MELAMED LOSES HIS JOB FOR FAILING HEBREW EXAM SET BY THE GOV'T

שטעטיל · אונ דער חדר איז פארט געבליבען פאר שלאסין ווייל דער מיניסטער וואר אגרויסער עקשן · אונ האט אזו גאר ניט געהערט זיין דרשה וואש ער האט גיהאלטין קעגין דיזע גזרה אונ דאס ער האט אין איר זייער שטארק מרמז געוועזן דאש זיא איז ממש איין אבן נגף קעגין דיא אידעשקייט :

דיזע גזרה האט דיא ווייב זיינע ניט איבער לעבין קענען · דען זיא איז זיך דער פון אוועק געשטארבין אונ האט איר מאן איבער גילאזין דיזע צוויא מיידכען · דיא עלטערע וואר דאן אלט צעהען יאר · דאש הייסט דיא פייגעלע וואש מען האט איר שוין דאמאלכט גערופין „פייגעלע דער מגיד„ ווייל זיא וואר קלאר אין דעם צאינה וראנה · אין דעם לב טוב · אין מנורת המאור · אונ פלעגט לעזין מיט איינם נגון וויא איין מגיד · אונ דיא גאלדע דיא קלענערע וואר דאן אלט אכט יאר · אונ האט געזונגען אויס גע צייכנט שיין · אונ אלם דיא עלטערע שוועסטער פלעגט איר צו האלטין וואר ווירקליך וואש צוא הערין · אונ דיזעם פארגעניגין פלעגט צוא געניסען אימער דער גביר פון דיזער קליינע קהלה ר' נח בצלאל · דען ער פלעגט זייא אפאר מאל אין וואך אפ אכטין צוא זיך אין שטוב אונ זייא פלעגין פאר אים אויס צוא זינגען דעם גאנצין מחזור מיט דעם גרעסטען טאקט · דאש ער פלעגט זייא צוא באשיינקען דער פאר ביי יעדעם מאל מיט איינם הארטין טאלר · אונ האבין דער מיט גענערט זיך אונ זייער פאטער בעזונדער האט זייא געשטיצט · דעם גבירם פרויא · דיא שיינע טויבע · וואש וואר צוא גלייך דיא גרעסטע בעל צדקה פון דיזער קליינע קהלה אונ וואר איינע בעזדיעטנע · דיזע פרויא פלעגט זייא אימער ביי זיך צוא האלטין · פלעגין זייער אפט ביי איר צוא עסין אונ אויך מאנכעס קלייד בעקומען · דער צוא נאך האט זיא אויש געווירקט ביי דעם דארטיגין רב איין שיינעם נשרף כתב פאר זייער פאטער ר' חיים · אין וועלכין עס וואר נאך בעשריבין דיא גזרה פון דעם

מיניסטער



ניסטער וואש ער האט אויף אים גוזר גיוועזן מיט דעם עקזאמען
אש דאש האט אים גימאכט פאר אקדוש אין דער גאנצער סביבה ·
ט דיזעם כתב האט זיך דיזער ר' חיים אויש גישלעפט צוא זאמען
ט זיינע ביידע מיידכען אין דיא אלע ארומיקע שטעטלאך · אונ
אט גיהאט איינע זייער ווארעמע אויפנאמע אין אלע רייכע הייזער
או דיא ביידע טעכטער האבען זייער שיין געזונגען אונ ווארין אזו
רענטליך בעלוינט דער פאר דאש ער האט דער פון געקאנט
עבין פיל בעסער אלם פון מלמדות · איבער הויפט פלעגין זייא
יער שיין אויס צוא זינגען דעם ונתנה תוקף · היה עם פיפיות ·
שר על מעשיך · דיא לוסטיגע גאלדע האט זיך דאן געהאלטין
אר דעם באק וויא איין עכטער חזן · אונ דיא פייגעלע פלעגט איר
א האלטין וויא איין גוטער טענער · אונ עש וואר ווירקליך וואש
א הערין דאש וואו זייא פלעגין נור צו זינגען פלעגין אויף צוא
יפין איין עולם מענטשין אונ מען פלעגט צוא ווארפין גילדענס
ונ מאלערים · אונ דער נאך פלעגט דיא פייגעלע צו לייענען דעם
אנה וראנה · דעם שמחת הנפש · דעם תם וישר מיט אזו איינער
ידעשע שטימע דאש ווייבער פלעגין זיך וויסען דיא אויגין אונ
ענער פלעגין עכצען אונ קרעכצען · דאם מען האט איר דורך דעם
נאמען גיגעבין פייגעלע דער מגיד · אונ דער פאטער האט זיך
אר שאלטין דעם לעבין פאר וואש זיא איז ניט אאינגער · דען
אן וואלט זיא שוין געקענט זיין איין גרויסער דרשן :

## 4.

## „דיא צווייטע גזרה״

כן) אזו האט דיזער ר' חיים צוא געבראכט זיין לעבין מיט
יינע צוויא מיידכען גאנצע פינף יאר · ער וואר אימער אויף דער
וואנדערונג מיט זייא אונ פלעגט צוא קומען אין זיין געבורטס
שטאט פירקאווע נור איין מאל אין יאר אונ דאס וואר צוא דעם

יאר

יאר צייט פון זייער מוטער · דאן פלעגן דיזע צוויא מיידכען גיין אויף דעם בית עולם · אונ דער גאנצער עולם מיט זייא אום צוא הערין דארט זייער מלא רחמים אויף דער מוטערש קבר אונ דער נאך וויא דיא פייגעלע זאגט דארט דעם מענה לשון · אונ פלעגן קומען צוא ריק מיט נישוואלענע אויגן אונ יעדער בעזונדער האט זייא ארענטליך בעשאנקען :

אך) דאך אבער דער שלימאזיל איז נאך נית מידע גיווארין זייא רודף צוא זיין · אונ האט אויף זייא געבראכט איינע נייע גזרה · דאך נית פון דעם מיניסטער אלטענשטיין וויא פריער גיין גראדע אומגעקערט · דיא גזרה איז נאר ארוים גיקומען נאר פון דעם [מרי דאתרא] · דאש הייסט פון דעם נייעם רב וואש איז געווארין דארט אין פירקאווע וואש האט געהייסין ר׳ יצחק שמחם דיזער פרומער מאן האט געלאזט רופען צו זיך דיזעם ר׳ חיים אונ האט אים בעוויזען פון פוסק אונ פון נאך כמה וכמה שטעלען דאש עס איז איין איסור גמור צו לאזין זינגען נקבות צוא ווישין בעלי בתים · וייל „קול באשה ערוה„ אויך טאר נית דיא פייגעלע ברויכין אירע מגידות ווייל דיא גמרא זאגט „כל המלמד בתו תורה כאלו מלמדה תפלות״ דאש הייסט ווער עש לערינט זיין טאכטער תורה זאכין איז אזו גלייך וויא ער וואלט איר לערנען וויא צו זיין אויס געלאסען · אונ האט אזו גוזר געווען אויף דעם ר׳ חיים דאש ער זאל מער נית אום רייזין מיט זיינע טעכטער אויף דער וועלט · אונ דער ר׳ חיים האט זיך אום גיקערט זייער טרויעריג מיט דיזער אום גליקליכע נאכריכט צוא זיינעביידע טעכטער · דיא פייגעלע האט גיהאט דער בייא זייער פיל איין צוא ווענדען אונ האט גיוואלט גיין צום רב אונ בעווייזין אים פון כמה וכמה טייטשע ספרים דאס איר שוועסטער גאלדע מאג זינגען · אונ זיא מעג זאגין · דער פאטער אבער האט עס נית צו געלאזען · אונ עש וואר דארט אזו טרויער איבער טרויער : אונ דאש וואלט דער וויישט צוא וואש

גיקומען



קומען ווען עש וואלט זיך נית אריין געמישט אין דיזעם שטרייט ...א רייכע אונ דיא פרומע טויבע דעם ר׳ נח בראלדס ווייב · „זארגט ...ט מיינע קינדער„ האט זיא צוא זייא גיזאגט „מיר וועלין שוין ...גן פאר אייך · מיין מאן וועט שוין אויש ווירקין בייא דער ...מיינדע דאש אייער פאטער זאל ווערין איין מקהה־ניצער · דאש ...שט עש זאל געהערין צוא אים דער דאהאד פון דער מקוה · אונ ...ר בייא זאלט איר מאכין דיא וועקסענע ליכט פאר דיא שול ...ג דיא חלבנע ליכט פאר דעם בית המדרש · אגב ווער איך ...ך לאזען לערנען האנט ארבעט · אונ אן נעטייא וועט אייך שוין ...טפעלען · אונ וויא דיזע פרויא האט גישפראכען אזו איז עם באלד ...קליך געשעהן · דען איר מאן דער ר׳ נח האט עם זייער לייכט ...ם געפירט · אונ דער ר׳ חיים איז גיווארין ווירקליך איין ...הניצער · אונ דיא צווייא טעכטער ליכט מאכערקעס פאר דער ... אונ דעם בית המדרש · אונ דאש איז דיא וואהרע אור זאכע ...ש דיזע ביידע מיידכען האבין געהאט איין ערלויבטין איין גאנג ... בית המדרש אונ האבין אזו געהאט איינע נוטע געלעגנהייט ...ווערין געפעלין דיא צווייא ישיבה לייט :

## .5

## „דיא רייכע שאדכענטע״

וכן חלפו ועברו) אונ אזו זיינען זיך איבער געלאפין גאנצע ...יאר איבער דעם ר׳ חיים אונ זיינע טעכטער זייענדיק איין ...הניצער זייער פרידליך אונ גליקליך · דען זייא האבין זיך דיזע ...ע צייט גענערט דער פון זייער גוט אונ דער צוא נאך בדרך ... · יעדע פרויא וואש וואר נור פון שטאנד · פרעגט יעדעם ...זייער גוט בעפרידיגען דיזע צווייא מיידכען וואש פלעגין דארט ...נשים צוא בעדינען בייא דער טבילה · מער אבער פאר אלע ...ט זייא צוא בעפרידיגען דיא פאר נעהמע דאמע טויבע דעם

ר׳

ר׳ נת בראללם ווייב וואש זיא וואר זייא גוט וויא איינע מוטער
בייא יעדעם מאל פון איהר טבילה גיין פלעגט זיא זייא בעשיינק
מיט איינעם הארטין טאלער · דער צוא נאך פלעגט זיא מער אל
אלע אנדערע פרויען פון דיזער קהלה בעזוכען דיא מקוה וייל
וואר קיין־מאל מעוברת · אונ האבין איר אזו דארט אלע חו
געהא · דארט פאר אגוטין גאסט · אונ פלעגט זיך בייא יעד
מאל פיל מעהר פאר זאמען אלם דיא אנדערע · ערשטענס וו
זיא האט ליב געהאט צו צוא ברייננען מיט דיזע ביידע מיידכע
צווייטענס פלעגט זיא דארט פאר דער טבילה אוים צוא לייע
מיט דער פייגעלע דעם מגיד דעם גאנצין ש״ס תחינות מיט גרוי
בכיות דאש זיא זאל שוין נפקד ווערין פון גאט ברוך הוא מי
אקינד · אגב פלעגט דיא גאלדע פאר איר אוים צוא זינגען א
תפלות אונ דיא טויבע פלעגט זיך דער בייא אויש וויינען
פלעגט זיך געפינען נאך דעם פיל לייכטער אויף דאם הע
אלם פריהער :

ומהיות) אונ וייל דיא ביידע מיידכען האבין אין די
דאנערשטאג גימאכט גרויסע הכנות בייא זיך אין מקוה פאר ז
ליבען אונ גרוישין גאסט · דאש היישט פאר דיא שיינע אונ ר
טויבע וואש זיא האט דאן גידארפט טבילה גיין · דאהר האבין
דיזע ביידע מיידכען פאר שפעטיגט אויך מיט זייערע ליכט מ
אונ האבין עס אפ געבראכט אין בית המדרש נאך האלבין
אלם עס ווארין דארט מער ניט וויא דיא צווייא ארעמע בחור
אונ האבין דער בייא גיהאט דיא גוטע גילעגינהייט אן צו קוק
געזיכט אין געזיכט אונ צוא שפרעכען נאך דער בייא מא
ווארט · אונ דער אלטער וואונץ אין זייערע הערצען צוא
הייראטהען זיך מיט זייא וואר דורך דעם נייא בעלעבט גיווא
אונ עפעם וויא גירופין וואר עש נאך געשטערקט אונ בעקרעפ
דורך דיזע שיינע אונ געליבטע טויבע דען אין דעם איצ
מאל



מאל אלם עס האט איר די פייגעלע דר מגיד זייער־שטארק פאננדר
גינומען מיט אירע מגידות · דאש דיא טויבע האט זיך צוא גאסין
אין טרערין · איז איר ארויף געפאלין אויף דעם האלז האט איר
גיקוקט אונ האט גיזאגט „ווען גאט וועט זיך אן מיר דער מאנען
אונ וועט מיר מזכה זיין מיט אקינד וועל איך אייער הערצין אויך ער
פרייען מיט גוטע התנים״, אונ דיא ביידע מיידכען האבין געענטפערט
דארויף אמן · אונ האבין זיך דער בייא אויך זייער שטארק פאר
נאנדער געוויינט · דיא גאלדע מעהר אלם דיא פייגעלע דער מגיד
אונ וואש איז דיר מיין ליבע קינד „האט זיך דיא גוטע טויבע
צוא איר אפ גערופין, דוא קריינקסט מיך זייער מיט דיינעם וויינען ·
עש טוט מיך לייד אום דיך מיין קינד · זאג וואש פעלט דיר ·
זאג עס גיך אונ באלד · דען מיין געמיט איז אין מיר העכשט
בעוועגט · אונ דער קרייז דאקטער זאגט מיר אימער דאם איך זאל
מיך היטין פון איינעם שטארקען געמיטהם בעוועגונג :

הוי) א טייערע מאדאם, האט זיך אפ גירופען צו איר פייגעלע
דער מגיד, וואש איז דער קרייז דאקטר.״ האבין מיר דען ניט
איינען קרייז דאקטער דארט אין היכל · איז עלי הכהן ניט גיוועזן
אידעשער קרייז דאקטער פון דן ביז באר שבע · אונ ווארום האט
דיזער הייליגער מאן ניט פאר זאגט דיא פרומע חנה וואש האט
זייער שווער מיטהיג מתפלל גיוועזן דארט אין בית המקדש אום
קינדער ווענין דאש זיא זאל זיך היטען פון איינער געמיטהם
בעוועגונג · אונ האט געבארען איינע זון :

ויהי) אונ עש וואר אלם זייא אזו בעזאמן שפרעכין איז גיווארין
דער טויבען איין עטוואס דוסנע אונ האט גיעפינט דאם קליינע
פענסטער אונ האט זיך ארויש געבויגען אום איין עטוואס פרישעם
לופט צוא שעפען האט זיא דער זעהן פאר דעם מאנד שיין דאש
עש שטייען דער בייא צווייא בחורים · אונ האט זייא גיפרעגט ווער
זיא זיינען · דיזע פראגע האט דיזע ביידע מיידכען רויט גיפארבט ·

דיא

דיא קרוגע טויבע וואש האט זייער גוט פאר שטאנען וויא דיזע פאר שעמונג צוא דייטען האט אן געהייבין צוא שמייכלען „ניין מאדאם, האט זיך דיא פייגעלע אפ גערופין · דאש זיינען נור די צווייא בעריהמטע ישיבה בחורים · איינר איז דער צעמפעלבורגער אונ דער אנדערער איז דער קאסמינער · זייא גייען איצונד געוויס ווערצערע עסין · נון קומט זייא אויש אלע מאל צוא גיין פאר ביי אונזער פענסטער „א האט זיך דיא טויבע אפ גירופין” אונ דיזע זיינען דיא בעסטע פון דער ישיבה · איר האט אייך מיט זייא ביידין ניט צוא שעמען · מיין מאן קען זיך זייא ביידין ניט אפ לויבין · „אונ מיין פאטער” האט זיך אפ גערופין פייגעלע דער מגיד רימט פיל מער דעם צעמפעלבורגער · דען ער זאגט דאש ער איז איין גרוישער חריף · נון פאסט ער פאר דיר פיל מער אלס פאר דיא גאלדען האט זיך אפ גירופין דיא טויבע לאבענדיק · דען וואש נאך איז אזו שיקעליך אין דער וועלט וויא מגידות מיט חריפות · קינדער שעמט אייך ניט איר זייט שוין ניט יונגע מיידכען · שוין צייט אייך מאנען צוא נעמען · אונ איר דארפט ניט קיינע בעסערע חתנים אלס זייא זייען · לאזט מיר אייער שאדכענטע זיין · נון צו ערסט וועל איך שאדכענען · דיר פייגעלע ווייל דוא ביזט עלטער אונ באלד דארויף דיר גאלדען · נון האט איר אפאר טאלער מאכט אייך דער פון איין פאראדנעם שבת אונ איך וועל שוין הייסי דעם שול קלעפער דאש ער זאל געבין דעם קאסמינער בחור אפלעט צוא אייך אויף דעם היינטיגען שבת · אונ דעם צעמפעלבורגער זאל ער שיקין צוא מיר אויף שבת · נון וועט איר שוין זעהען וויא איך וועל דיזע זאכע גוט אויש פיהרען מיט דער הילפע גאטס וואש ער איז דער ליינקער פון שידוכים :

ביידע מיידכען ווארין העכסט דער פרייט פון דיזעם געשפרעך אונ האבין אזו בעגלייט דיא טויבען ביז איר היים מיט איינעם לאנגען זעגען (ברכה) דאש זיא זאל דיא נאכט שוואגער ווערין





ונ זאל האבין אזון וויא שמואל הנביא · אונ האבין זיך אום קערט אהיים מיט גרויש האפענונג צוא ווערין אום געזאמט כלות ־יט דיא בעסטע בחורים · אונ האבין אין איהרען הערצען גידאנקט ונ גילויבט דעם בשעפער דאש ער האט זייא אין דער מאדאם ויבען איינע צווייטע מוטער געגעבין :

## 6.

## „ווידער איין עטוואס פון פירקאווע„

העיר הזאת) דיזע שטעדכען איז אגאנצע וואך וויא אויש שטארבין אונ זעהעט אויש וויא איין ווייבער רייך · דאש הייסט יא איין מלוכה וואש לעבין אין איר נור ווייבער · ווייל דיא אנעס לייטע זיינען דיא גאנצע וואך ביז פרייטאג אלץ אויף דעם אנד · גייען אום איבער דיא דערפער אונ הויפין מיט אלער אנד געלאנטעריע זאכין · אונ בייטין עס דארט איין אויף פלאקס · ימען · פעלכלאך פון האזין · פון קעלבער · אויף חזיר האר · אויף עדערין אונ פאר קויפען עס אלץ דעם ר׳ נתן בראלל וואש איז ער גביר פון דיזער קהלה · אונ אין שטעטיל בלייבין נור פרויען נדער · כלי קודש · דיא ישיבה אונ דער צוא נאך אפאר בטלנים אש דער לייזער שלאף ווארא איינער פון זייא · דער פאר אבער ום פרייטאג · ווערט דיא שטעטיל בעלעבט אונ זעהעט אויס יא עש וואלט גיווארין אין איר איין קבוץ גליות דורך דעם שופר ל משיח · דען עש קומען אין איר צוא זאמען אלע אירע מענליכע ין וואונער פון אלע זייטין דורך אלע וועגעלאך אונ שטעגעלאך · נ עש ווערט דאן דארט אין דיא קליינע געסעלאך אונ אויף דעם אר ק איינע געדיכטהייט פון אידין · דאש מאן קען זיך דארט גאר אר געסין דאש עס לעבין נאך קריסטען אויך אויף גאטס וועלט · ען עס זייען דארט פון זייא איין קנאפער צאל אונ דאש זעהעט ען זייא אויך ניט אויף דיא גאסין דען זייא זייען נור האנד

ווערקר · איינר פון זייא האט גיהייסן קערקאוו · אונ וואר צו גליך דער איינציגר וואש האט גילעבט זייער שלעכט מיט דער דארטיגן אידעשען געמיינדע · אונ האבין אים גירופין דער פאר המן הרשע זיינע רשעות וואר אזו ווייט דאש ער האט גיוואלט אין פיין ביי זיך אין שטוב איין זונטאג אידענע וויא דיא אידין האבין אי געפירט ביי זיך אשבת גויה · דאש הייסט אזו וויא דיא יודען בעדינען זיך אום שבת דורך איינער קריסטין אזו האט ער גיוואלט זיך בעדינען אום זונטאג מיט אאידענע · ער האט עס אבער ניט בעקומען · דען וועלכע אידעש קינד וועט וועלין איין הייצין אדר דיא שטיוועל פוצין זעלבסט פאר דעם בעסטין לוין · אונ זעלבסט דיא ארעמסטע · דען אין גוזט איז דאך דא אצדקה פושקע אונ אגאט דער ביא :

הסבה) דיא ווארע אורזאכע פון דין האט קענין דיא יודען וואר נור איין קליינע בעליידיגונג וויא מיר וועלין עש דא באלד דער ציילין · דער קערקאוו וואר פריער איין שמיד · איין גוטער מייסטער · אונ איז מיט דער צייט גיווארין איין שלאסער · אונ דיא יודין האבין אים אן געטרויט זייערע שלעסער צוא פאר ריכטין דען ער וואר איין גוטער שלאסער · נון האט זיך אים מיט דער צייט פאר וואלט צוא זיין איך איין זייגער מיסטער אונ איז עס געווארין · אונ דיא ארומיקע קריסטין אונ זעלבסט דער וואכמייסטער האבין אים אן גיטרויט זייערע זייגערים צוא פאר ריכטין · ניט אזו אבער דיא אידעשע געמיינדע · ווייל עש וואר אין דער גאנצער קהלה נור איין איינציגער זייגער · דאש הייסט איין קאהעלישע וואש פלעגט צוא הענגען שטענדיג ביא דעם רב אין שטוב דאמיט ער זאל וויסען ווען ארויש צוא שיקין דעם שול קלעפער ערב שבת אין שטאט צוא קלאפין אין שול · אונ ווען צוא דאוונען מעריב בזמנו · ווען ריכט צוא בענטשין : נון האט זיך זייא ניט גיוואלט אזו איין זייער וואש אן זיין גאנג ווענדעט זיך אזעלכע מצות

אן



אן טרויען איינעם גוי · אונ באמת וואר זייא אין דיזעם פונקט ניט צוא פאר דייקען · דען אלע זייגערס וואש ער פלעגט צוא פאר ריכטען זייען ניט געגאנגען ריכטיג פלעגין זיך צו שפעטיגין אדער לייפען אין אפאר שטונד · נון ווען מען וואלט זיך ריכטען נאך אזו אזייגער וואלט מען גיקומען צוא חלול שבת אונ צוא נאך כמה עבירות · דער קערקאוו אבער האט עש גיהאלטין פאר איינע גרוישע בעליידיגונג · אונ איז זייא גיווארין דער פאר איין בלוט פיינד · אונ האט אזו געדיינקט זיך נוקם צוא זיין אן זייא וויא נור מעגליך איז אונ ער האט דיזע נקמה אויש געפירט גראד אין דעם מארגענדיקען פרייטאג :

הנקמה הזאת) דיזע נקמה אבר איז ניט בעשטאנען חלילה אין אזעלכע געפעהרליכע ענינים וויא גאר פאר צייטען · אין אבלבול דם חלילה וואש איז פאר בונדין מיט סכנות נפשות · ניין אין אקליינינקייט גאר וואש ביא אונז וואלט מען זיך אוים גילאכט · דארט אבער וואר עש פון גרויש וויכטיקייט · דאש דיא גאנצע קהילה וואר העכסט בעטריבט דער פון · דען דאש האט בעריהרט כמעט יעדין מענטשין אונ פשיטא שוין יעדעם הויז · דיזער צולהכעיסניק האט נאך ליכט בענצין צוא ריסין דעם ערוב · אונ דיזע געשיכטע האט זייער פיל גיווירקט אויף דיא שדוכים פון דיזע צוויא מיידכען וויא דא וועט באלד פאר קומען · דער ווייטערע אבר וועלין מיר אונז אום קערין צוא ריק צוא אונזערע ערציילונג פון דיא בחורים אונ דיא ביידע מיידכען :

יום הששי הזה) אין דיזעם פרייטאג ווארין דיזע ביידע מיידכען זייער בעשעפטיגט צוא מאכין זייער שיינע גערעכטין אויף שבת צו ליב דעם קאמינער וואש דארף זיין ביא זייא שבת · עס ווארין גימאכט צווייערלייא קוגלען · צווייערלייא קאטעס · עש ווארין געקאכט גוטע פיש אויף פרייטאג צוא נאכט אונ גוט געפעפערט · דער צוא וואר דארט דאש הייזכען זייער שיין צוא

געקליבען

געקליבען און אויש געציירט און מען וואר דארט בשעפטיגט מיט ביידע הענט וועהרענד (בשעת) דארט אין בית המדרש קענגן איבער וואר לארעם איבער לארעם פון דיא ארעמע בחורים מיט דעם שול קלעפער וואש טיילט זייא אויש פלעטען · און איבר הויפט וואר צוא הערין וויא דער שול קלעפער צאנקט זיך מיט דיזע ביידין און זאגט צוא זייא · איך זאג אייך עס איז קיין טעות איר קאסמינער מוזט זיין שבת ביי דעם ר׳ חיים מקוהניצער און איר צעמפעלבורגער ביי דעם ר׳ נח בראלל דען אזו האט גיהייסין דיא גבירה. אליין אזו מוז עס גישעהן · מן הסתם האט זיא דאך עפעס אמיין דער ביי:

מי לא ידע) און ווער פאר שטייט עש ניט דאש דער קאסמינער וואר פון דיזער בעשטעלונג פון שבת ביי דעם ר׳ חיים אזו צוא פרידין פון דיזער בעשטעלונג וויא גאלדע זעלבסט · און האט זיך דאהער געלאזט באלד איין שטילען · דאש גלייכען דער צעמפעלבורגער האט אויך קיין גרויס לארעם גימאכט וועגין זיין שבת ביי דעם ר׳ נח בראלל · ערשטענס וועט דארט זיין פון אלעם גוטין · צווייטענס מוז דאך דיא שיינע טויבע פאר געווים וואש גוטעס מיינען דער מיט וואש זיא וויל מיך ביי זיך אויף שבת האבין · נון ווארין פון דיזער בעשטעלונג אלע פיר צוא פרידען · דאש היישט דיא ביידע מיידכען און דיא צווייא בחורים לבד אפינפטער וואר דער מיט העכסט און צוא פרידען · און דאש וואר דער ר׳ חיים מקוהניצער אליין · ער איז געווארין העכסט פאר דריסליך אלס דיא טעכטער האבין אים פרייטאג פריא געמעלדעט דאש דער קאסמינער וועט זיין ביי זייא שבת · ניט ווייל ער האט אים ניט געליטין · ניין חס ושלום · ער וואלט עש נאך גיהאלטין פאר איין זכיה ווען דיזע בעשטעלונג וואלט גיוועזן אויף אנאנדער שבת אבער ניט אויף היינטיגין און וועלכין ער קען זיך זעלבסט ניט אן זעהן · דען עס וואר איין מנהג קדמון דארט אין פירקאווע דאס דער וואש איז איין מקוהניצער זאל אלע מאל אויף





רופין ווערין צוא דער תוכחה׳ נון ווערט געלייענט אין דיזעם שבת דיא תוכחה פון כי תבאי׳ און איין מנהג ברעכט דאך אדין · ען זאנסט וואלט דער ר׳ חיים גיקאנט דינגען איינעם אנדערין אן שטאט זיך · נון קומט עס אויס דאס גראד מארגין זאל מען אים אויף רופין צוא דער תוכחה · דאהער האט זיך אים ניט גיוואלט האבין איינעם פרעמדין ביי זיינעם טיש אין אזו אטרויעריגין שבת · און דאך האט דיזער אלטעצקער איין געווילינט צוא זיינע טעכטער אש דער קאסמינער זאל זיין ביי זייא שבת דען זיין מוטה וואר ים שוין נעבעך גיבראכין צייט דער ערסטין גזרה פון דעם מיניסטער לטענשטיין דאס פון יענער צייט אן האט ער ארץ נאך גיגעבין:

## 7.

## „דער שבת„

כאשר) וויא אויך דער פרייטאג וואר דארט זייער לארעמדיק ון קאכענדיג אלע מאל צו ליב דעם וואש דיא אידעשע געמיינדע לעגט זיך אין אים צוא זאמען קלייבין · וואר דיזער פרייטאג אך צעהן מאל רוישענדער און רעשדיק ווייל עש וואר אין אים יין יריד דאש עש וואר געדיכט פון מענטשין איבער אלעפיל · ם וואר פול אין אלע קרעמלאך · און שיינקלאך · עס וואר זיך ניט א צו שלאגין צוא קיין געוועלב · דעם ר׳ נח בראלס הויז וואר אן דיא בערזע פון דער גאנצער שטעטיל · עש וואר דארט גיקויפט ן פאר קויפט · דאש עש האט ביי קיינעם קיין הענט געקלעקט · ון דאך אין דעם רעכטין מיטין ניט צייט האבין וואר דער שבת ש פאר געסין · דען עש וואר אלס געהעריג גיקאכט און צו גיריכט יף מארגין און צאלינט גישטעלט וויא אלע פרייטאג · דאך מיט זע אויס נאהמע אן שטאט וואש אין אלע פרייטאג האט זיך דער גירוקט צאלינט ביי זיך אין שטוב · היינטיגין פרייטאג ער וואר גירוקט אין דער פרעמד וויא דער סדר איז אין גרוישע

שטעט · דאש הייששט צוא צעהן אין איינעם אויבין ווייל מען וואר
צוא בעשעפטיגט דאש יעדערער זאל הייצין איין באזונדערין אויבין
נון איז אוים גיקומען טויבעס צאלינט זאל אום דיזען פרייטאג
גירוקט ווערין אין דיזעם אויבין פון דעם ר׳ חיים מקוהניצער · אונ
אזו האט פייגעלע זוכה גיוועזן צוא זעהן דעם קוגעל וואש מארגין
וועט עסין איר געליבטער בחור דער צעמפעלבורגער · דען זיא
זעלבסט האט דעם צאלינט אן גיגאסין · האט אים פאר גליכין מיט
זייער קוגעל אונ האט אים ניט גיפונען בעסער :

אך) דאך אבער וויא איין געשיקטער רייטער פאר שטייט
איין צוא האלטין זיין פערד אין דעם גרעסטין גאלאפ (געלאף) דאש
ער בלייבט שטיין רואיג אונ שטיל אויף איין ארט גלייך וויא ער
וואלט זיך קיין מאל פון זיינער שטעלע בעוועגט · אזו האט דיא
אן קומונג פון דעם היילגין שבת איין געשטילט פלעצליך אונ
בערוהיגט דיזע ריהריגע אונ בעשעפטיגטע קהלה · דאש אין איין
האלבע שטונדע פאר שול קלאפין נאך וואר זייא שוין וויא איין
געשלאפין · אונ האט אויש גיזעהן וויא יענע שטאט וואש עש ווערט
פון איר דער ציילט דאש עש איז איבער פאלין איבער איר איין
צויבער שלאף דאש איהרע מענטשין זיינען אזו פלעצליך איין
געשלומערט גיווארין דאש זייא האבין קיין צייט גיהאט זיך אי
עטוואס צו רעכט צו מאכין פריהער · דען עש איז גיבליבין ליגין
אין דיא גאסין פיל זעק מיט תבואה · פיל זעק סחורה · עש זיינען
גיבליבין שטיין פיל איין גיפאקטע וועגין וואש מען האט אלץ ניט
פאספייעט אריין צוא נעמען אין דיא שפייכלערם איבער דעם
פלעצליכין אן קומען פון דעם שבת דאך אבר וואר דאן שטיל נור
אין דיא גאסין אונ אויף דעם מארק · אין דיא הייזר אבר וואר מען
נאך בעשעפטיגט ביז איבער ליכט בענצין מיט דעם צוואגין זיך
מיט דעם ארום וואסין זיך · מיט דעם אויש קערין דיא צימערין · מיט
דיא לייכטער ארום שייערין · אונ ווידער מיט דעם מנחה דאוונען

ויהי

ADDITION

PIK'S

COMPARISON'S DRAWN FROM FOREIGN SOURCES



ויהי) אונ עש וואר אלס מען האט אן גיצונדין דיא בענצליכט
אונ מען וואר שוין ברעה צוא גיין דאוונען · איז גיווארין אין
שטאט אגרוישער שום · דען מען איז געוואר גיווארין פון דער
שרעקליכע געשיכטע דאש דער קערקאוו האט צוא ריסין דעם ערוב ·
דער שול קלעפער זעלבסט האט אים דער חאפט בייא דיזער
שרעקליכע טהאט (מעשה) · ער האט אים דער וויזט מיט זיינע
צווייא ראבאטניקעס אפ האקענדיק דעם שטייגיל פון דעם ערוב
וואש וואר אריין גישטעקט אין זיין גארטין אונ האט עש באלד אן
גיזאגט דעם רב וואש וואר שוין אן גיטאן גאנץ שבתדיק · נון
איז גיווארין אגרוישער איין גילאף · דער רב זעלבסט איז אהין
גיקומען אונ האט נאך דער וויזט דעם נייעם המן ברעכענדיק
אונ רייסענדיק דעם ערוב · נון וואר לארעם איבער לארעם ·
גישרייא איבער גישרייא · דאש דער וואכט מייסטער זעלבסט איז
אהין גיקומען · אונ האט זיך אן גינומען פאר דיא אידין : דען ער
האט שוין אין זיך גיהאט שיינע עטליכע אידעשע טרונק בראנפינם
מיט אפאר שטיקלאך שבת פיש · נון דער ווייששט צוא וואש עש
וואלט דארט גיקומען ווען דער רב אונ דער ר׳ חיים דער מקוהניצער
וואלטין דעם עולם ניט איין גיהאלטין · שא שא האבין זייא
גישריען, דאש איז נור איין גזרה מן השמים · ניט פאר געסט דאש
מארגין ווערט גילייענט דיא תוכחה · נון לאמיר דער מיט אפ
קומען · דער צוא נאך האט דער ר׳ חיים מקוהניצער וואש וואר
אגרוישער בעריע אין דעם של״ה הקדוש באוויזין דאש דיזע גזרה
איז מרומז אין דיזעם הייליגין ספר אונ האט גיהייסין בעסר שווייגין
אלס ריידין · דיין דיא שטאט וויא ער ווייש האט אויף זיך אגרויסין
קטרוג · אונ דער סוף דער פון וואר דאש דער עולם האט זיך צו ליב
דעם גיאיילט צו גיין אין שול דאמיט זייא זאלין קענן אוועק טראגין
זייערע סדורים · אונ אויף מארגין האט מען דעם צאלינט גינומט
עסין וויא דעם קרבן פסח צוא צעהען פאמיליען אין איין שטוב ·

דאש

דאש הײשט אין יענע הײזער וואו זײא װארין פאר רוקט :

וכן) אונ אזו איז פאר דער האנט געווארין שבת איבר דיא גאנצע וועלט אונ אויך דא אין פירקאווע · אלע פענצטער וואריז ליכטיג · דיא טישין גיגרייט מיט ריינע אונ שיינע געשיר · דיא פרויען דער בייא געצירט וויא דיא קיניגין · אונ צוא גאסין אין פרומע געבעטע · אונ האבין ערוואַרט זייערע מענער פון שול מיט בעקלעמטין הערצין וועגין דיא גזרה פון ערוב · דען ניט איינער גידיינקט אזו איינע שרעקליכע געשיכטע · אונ האבין אלץ גיזאגט „צוא גוטין זאל עס זיין · צוא גוטין זאל עס זיין„ · דאך דיזע איינגהערציגקייט איז באלד פאר שוואונדען וויא נור דיא מענער האבין אן גיהייבין צוא זאגין מיט איינעם זיסין ניגון דעם הייליגין שלום עליכם · דען וואו נור דיא פריידליכע איינגעלען ערשיינען דארט הערט שוין אויף אלע פיינען · באלד נאך דעם ווארין גיבענצט דיא קינדער · קדוש גימאכט · צום טיש זיך גיזעצט אונ מען האט גענאסין מיט גוטין אפעטיט דיא גיוואונליכע אידעשע שבת שפייזין · אונ מיט איינעם פיל פריילכערין הערצין אלס דיא פארנעהמע הערין אונ דאמען געניסין דיא טייערשטע שפייזין אויף דא גרױשע בעלע · וואש זיינען אימער פאר בונדין מיט קנאה כיט שנאה · מיט באליידיגונג · מיט בארייטעריא · אונ לסוף אויך מיט גרויש חרטה ווארום איז מען גאר גיגאנגען אהין אונ ווארום האט מען צוא ליב דעם אויש גיבראכט געלט אויף קליידער אונ אויף שמוק וואש טויג דער נאך ניט אפינגער איין צוא וויקלען · ניט אזו אבער זיינען דאן דיא פרומע יודין פון פירקאווע בייא זייער פרייטאג צוא נאכט אבענד ברויט · דען זייא ווארין דאן גוטער דינגע · האבין גישפייזט צו עהרין נאטעם · צו עהרין דעם הייליגין טאג שבת · דאש זייא האבין דער בייא גינאסין דיא תענוגים פון ביידע עולמות אויף איין מאל :

מעהר וויא אומעטום איז דיזער פרייטאג צוא נאכט צוא גיבראכט



בראכט געווארין פרייליך אונ לעבעדיג בייא דעם ר׳ נתן בראלל ·
ונ בייא דעם ר׳ חיים מקוהניצער · וואו דיא צווייא ארומע בחורים
ארען געלאדין אויף שבת · בייא דעם ר׳ נתן בראלל וואר דיזער
בת פיל פרייליכער אלס אנדערע שבתים ווייל ער האט גיהאט
ייא זיך לבד דעם צעמפעלבורגער נאך אפאר אורחים גרויסע
תרים וואש זיינען גיקומען אהער צוא אים צוא ליב דעם יריד ·
ער צו נאך וואר גימאכט אין דיזעם פרייטאג גרויסע געשעפטין ·
ז צוא גיגאנגען צום טיש גאנץ קיניגליך · דיא טובע וואס וואר
לט קוים צווייא אונ דרייסיג יאר וואר גיקליידעט גרעפיש · אין
יערין שטאף אונ אין טייערין שמוק (צירונג) אונ האט אוים גיזעהען
א דיא קיניגין שבת זעלבסט · דען זיא וואר איינע זייער שיינע
ויא · דער צוא נאך זייער קלוג אונד גוט אונ וואר געליבט פון
ר מאן דיא גאנצע פופצעהן יאר וואש זייען איבער גילאפין נאך
ר חתונה פונקט וויא אין דיא פליטער וואכין · דיזע פארנעהמע
אמע האט זיך אין דיזעם פרייטאג צוא נאכט בייא דעם טיש מיט
יינעם זיך ניט אזו אונטער גיהאלטין (צו גיבראכט) אלס וויא מיט
עם צעמפעלבורגער · זיא האט אים אויש גיפרעגט וויא אלט ער
ז · ווער זיינע עלטערין זיינען אונ צו ער מיינט ניט צו ווערין ארב
ער אמלמד · אונ נאך אזעלכע זאכין · דאש דער צעמפעלבורגער
אש וואר אימער גיוואונט צוא זיצין בייא זיינע טעג געבער נור
יא דעם עק טיש אונ בעהאנדיגט צוא ווערין פון זייא זייער קאלט
יא איין אויף געדרונגענער גאסט · איז גיזעסין דא איצונד אלס
ע פארנעהמע אונ שיינע דאמע האט זיך מיט אים דא אזו פריינדליך
טער האלטין גאנץ צוא מישט אונ צוא טראגין דאש ער וואר
יא זיך אין צווייפעל צוא איז עש איןווירקליכקייט אדער נור
ין טרוים · זעלבסט איר מאן דער ר׳ נתן בראלל וואש האט אויך
וואוסט פון דעם הייליגין ציל פון זיינער ווייבס שמועס מיט דעם
מפעלבורגער האט זיך לסוף אויך אריין גילאזין מיט אים אין

אטיפין

אטיפין שמועס פון רערנען · אונ דער צעמפעלבורגער האט ארוים געפלאצט באלד מיט זיינע גרוישע בקיאות אונ חריפות דאס ער האט ביא דעם ר' נח אונ ביא דיא אורחים זייער אונ זייער אויס גינומען דאש ער האט אים גיזאגט אין אויג דאש ער איז אפלא נפלאה · אויך האט ער גיזאגט דער ביא אפאר ווייבערשע תורות דאש דיא טויבע האט זיך גישמאלצין הערענדיק אונ האט צוא אים גיזאגט „הערען זייא צעמפעלבורגער איר האט מיר דיזע נאכט מיין טיש זייער דער פרייט מיט אייערע רייד אונ אייערע תורה ווערטער א מעכטע מיר גאט בענצין מיט אזוי אזון וויא איר זייט · נון טוט מיר לייד דאש איך קען אייך מארגין ביא מיינעם טיש ניט האבין זייא האבין דאך בודאי שוין גיהערט פון דיזע גזרה וואש דא איז גישעהן מיט דעם ערוב · נון קען מען שוין דעם צאלינט אהער ניט ברייננען · ווערט איר אייך שוין מוזין מארגין אי"ה מטריח זיין צוא עסין מיטאג ביא דעם ר' חיים מקוהניצער דען מיין צאלינט איז דארט גירוקט · איך וועל אים שוין מודיע זיין דאריבער · צוא שלוש סעודות אבער זייט מיר ווייטער מיין גאסט · נור גרייט אן נאך אפאר ווייבערשע תורות" :

הדברים האלה) דיזע ווערטער פון דיזע שיינע טויבין האבין גיווירקט אויף דעם צעמפעלבורגערס הערצין וויא דיא טראפינס פון דעם טל של תחיה וואש וועט אמאל פאלין אויף די טויטע קנאבין דען ער וואר פון זייא באלעבט אונ דער קוויקט · אונ האט דער ביא גיזאגט אין שטילין דעם פסוק „וגם הוא חכם ויבוא רע" דאש הייסט גאט איז אזוי אחכם דאש זעלבסט איין אום גליק ברייננט ער אויך מיט גרויש ווייזהייט דאש פאר מאנכען ווערט זיא נאר נהפך לטובה למשל וויא דאדארך מען דאכט זיך איינע גרעסערע רעה וויא צוא רייסין איין ערוב · אונ דאך איז זיא פאר מיר אגרוישע טובה · דען דורך דעם וועל איך מיך קענען זעהן מיט מיינע געליבטין פייגעלען :

ועתה



ועתה) נון לאמיר אונז אויף אוויילע ווענדין צוא דעם ר' חיים מקוהניצערס הויז וואש דארטין איז איין געלאדין דער קאסמינער · עש וואר דארט אין דיזעם פרייטאג צו נאכט פיל מער ליכט אז גיצונדין וויא אין אנדערע פרייטאג צוא נאכטין · אונ אזו אויך דער טיש פיל שענער גידעקט אלם אלע מאל · דיא חלה דרייא מאל אזו גרויש אונ פיל ווייסער · דאש גאנצע הייזכען וואר וויא געווירצט פון דעם ליבליכען פיש גרוך · פון דעם זיסין ציטעס · ר' חיים אליין איז גיזעסין וויא גיוואונליך אויבין אן דאך אביסיל וויא צוא טראגין צוא ליב דער תוכחה · דער קאסמינער ניט ווייט פון אים · אויך קעגין איבר אים איז גזעסין דיא גאלדע אונ האבין זיך אן גיקוקט איינע דיא אנדערע פיל מעהר אלם ווילד פרעמדע · איבער דיא צייט פון פיש עסין וואר מען גאנץ פאר שוויגין אונ שטיל · אונ ערסט דער נאך אלם דער ר' חיים האט שוין גיהאט אין קאפ אפאר גוטע טרונק בראנפינם האט ער אן גיהויבין צוא ווערין ביסלאך ווייס פריילכער ביז ער האט אן גיהויבין צו בעטין דיא גאלדע דאש זיא זאל זינגען מנוחה ושמחה · נון פאר שטייט זיך דאש זיא האט זיך אין אן פאנג גילאזט בעטין · האט אבער באלד נאך גיגעבין אונ האט אן גיהויבין צוא זינגען אין מיטעלער שטימע : דאש דער פאטר אונ דער קאסמינער האבין גיקאנט זייער נאך זינגען · אונ אלם מען איז גיקומען צוא דיא ווערטער · שמי שמים · ארץ וימים · כל צבא מרום · גבוהים ורמים · דא איז זיא אריין גיפאלין אין דעם קאהר (קאמפאניע) מיט איר זיסע פיסטעל שטימע · אונ האט אזו פיין צוא גיזונגען דאס דער קאסמינער האט זיך ניט גיקענט איין האלטין אונ האט אויש גישריען דיזע ווערטער „כי קולך ערב ומראך נאוה" דאש הייסט וויא עש איז שיין דיין גיזיכט אזו איז זיא דיינע שטימע מונד · דיא גאלדע איז גיווארין דער פון רויט וויא צונטער :

ויהי) אונ עש וואר אלם זייא האבין עש אפ גיזונגען האט

זיך

EROS IN THE

זיך צוא אים אפ גירופין דיא פייגעלע דער מגיד מיט איינעם
שפאטענדען לאכין · נון וועלין מיר איין עטוואס פון אייך הערין
זאגט אונז עפעס איינע וייבערשע תורה · דען איך בין דאך איין
גרוישער למדן אין דעם וייבערשין ש"ס תחינות און בקשות · אין
דעם צאנה וראנה · אין דעם לב טוב · אין דעם שמחת הנפש
נון קענט איר מיט מיר אריין ריידין אביסיל אין לערנען „און
גראדע אין דיזע ספרים, האט ער גיענטפערט „בין איך איין עם
הארץ״ „נוא״ האט זיא זיך אפ גירופין צו אים וועל איך אייך פרעגין
גלאט איינע וייבערשע קשיא״ זאגט איר ווארום זינגט מען ניט אין
שול צוא דער הכנסה נור און ניט צו דער הוצאה פון דער ספר
תורה „ווייל דאס איז שוין אזו איין אלטער מנהג״ האט איר דער
קאסמינער גיענטפערט „ניין״ האט זיא אים גיענטפערט „ניין דאס
איז נור איין האלבער תירוץ · לפי דעתי (נאך מיינער מיינונג) איז
דא גאר איין אנדער טעם פאראן · בעפאר דיא נשמה הערט דיא
תורה איז שטום און שטיל · דער נאך אבער · דאס הייסט נאך
דעם לייענען אבער ווערט זיא שוין ערפרייט און דער וועקט און
הייבט אן דרום צוא זינגען לכבוד דעם הייליגן ספר „א דאס איז
איין גוט ווארט״ האט איר דער בחור גיענטפערט האלב לאכענד :
וכן) און אזו האט זיא אים באלד נאך דעם וואס אנדערם
גיפרעגט און גיענטפערט · דאס דער קאסמינער האט דעם הערץ
אין בוזעם גיטאנצט פאר גרוים פרייד · און דער פאטער ר׳ חיים
האט זיך דער־'ביא אפ גירופין „וואס דען האט איר גימיינט איר
קאסמינער · דאס אום זיסט רופט מען איר פייגעלע דער מגיד ·
זיא איז גאר קאפענע דער גרוישער מגיד עליו השלום מיין עלטער
זיידע · דאס מען האט אויף אים גיזאגט דאס איין מלאך רעט ביא
אים פון האלדז · נון זאל איר גאט באשערין עפעס ארעכטין מאן ·
אלמדן אפרומע נשמה · דאס ער זאל קענען זיין אמגיד אין אקהלה
ביא דיא מאנעם לייטע · און זיא איין מגיד ביא דיא וייבער :

עודם



עודם מדברים) זייא האבין נאך גיהאלטין אין מיטין גישפרעך ·
ונג גאלדע האט זיך דער ווילע אן גיהייבין צוא נעמען ארום
ימעם אים צוא דער לאנגען צום טיש · האט זיך אויף גיעפינט
יא טיר און עס איז אריין דער צעמפעלבורגער מיט דיא טויזענדע
רידענם איינגעלען וואס דיא טויבע האט אים נאך גישיקט פון
יר שטוב צוא באלייטין אים אויף זיין וועג צוא דעם ר׳ חיים
קוהניצער אום צוא בעשטעלין בעסער אליין און זעלבסט דאס
ר וועט דא מארגין זיין צוא מיטאג · דאס הייסט ער וועט דא
פין טויבעם צאלינט · און עס האט אן גיהייבין צוא טאגין אין
יגעלעם הערץ · דען דעם גאנצין אבינט וואר זיא נידעש (מקנאה)
ויף איר שוועסטער וואס זיא האט איר אויסער ווייטען ביא
ער האנט און איז מיט איר אונטער איינעם דאך · נון איז איר
אשערטער אויך דא :
אויך דער גליקליכער ר׳ חיים האט דיזען נייעם גאסט אויף
גומען מיט פריידין און מיט עהרין „ברוך הבא · זעצט אייך״ האט
ר צו אים גיזאגט „איר קומט צוא אונז וויא גירופין · דען איצונד
עלין מיר איין מזומן האבין״ און אזו איז גיווארין ביא דעם טיש
ין נייער געשפראך · אזוילע האט מען גישפראכין פון וועלטליכע
יעם · און אזוילע פון תורה ביז עס האבין אן גיהייבין דיא ליכט
יש צוא גיין · און מען האט אן גיהייבין צוא בענצין · און דיא
ידע מידכען וואס האבין דאס בענצין גיענדעט פריער אלם דיא
אנעם לייטע · האבין זיך ארויש גיהאפט פון שטוב מיט דעם אויש
יד זיך עטוואס אפ צו קיהלען · דען עס וואר דארט זייער דושנע ·
אמת אבר איז נור צוא האבין איינע געלעגענהייט צו בעשפרעכין
י צוא זאמען איבער דיזע ביידע בחורים :
דיא נאכט וואר באלד העל באלד דונקיל · דען עס וואר
ין דער מאנד הויך אם הימיל אם וועלכין עס האבין גיצויגין צו
פענע וואלקין וואס האבין אים (דעם מאנד) אלע ווילע פאר

שטעלט

שטעלט · אין געסכען וואר שטיל און דונקיל · דאש דיזע ביידע
מיידכען האבין זיך גיקענט זייער לייכט איין בילדען דאש זייא האבין
צום צייגין מער ניט וויא דעם שטומען און קאלטין מאנד אליין אנ
האבין זיך אזו אריין גילאזין אין איינעם טיפין געשפרעך איבער
זייערע צווייא אויש דער וויילטע (נבחרים) · פייגעלע האט זיך ניט
גיקאנט אפ לויבין דעם צעמפעלבורגער · גאלדע דעם קאסמינער
און דיזער געשוועץ (פלוידערייא) פון דיזע צווייא פאר ליבטע מיידכע
וואלט גידויערט פילייכט ביז גרויסין טאג ווען ניט איין שטארקער
ניסין פון איינעם מאנס פארשוין וואלט דיזען ליידיגין געשפרעך
ניט אונטער ברעכען (מפסיק גיוועזן) · דיזע ביידע מיידכען האב
זיך באלד אום גיזעהן · און זיינען צוא זייער שאנדע און שרעק
גיוואר גיווארין דאש דיא צווייא בחורים שטייען הינטער זייער רוקי
אזו נאהענט דאש זייא האבין געווים יעדעם ווארט זייערין אויס
גיהערט · דיא פייגעלע דער מגיד אבער איז באלד ווידער צוא זיך
גיקומען · און האט צוא זייא גיזאגט זייער מוטהיג און דרייסט
(חוצפעדיק) אין דער שטימע פון אמגיד ,וואש זייט איר מיר פאר
פרומע בחורים דאש איר לויערט הינטער דעם רוקין פון דער
וואקסענע מיידכען„ "און וואש פאר פרומע מיידכען זייט איר„ האט
זיך אפ גירופין צוא זייא דער קאסמינער דאש איר שטייט אזו
שפעט ביא נאכט דרויסין„ ,מיר היטין אפ דיא לבנה אום איר מקד
צוא זיין„ האט זיך דיא פייגעלע אפ גירופין · און ווער איז מקד
דיא לבנה אום פרייטאג צוא נאכט„ האט ער איר גיפרעגט ,א מי
ווייבער מעגין פרייטאג צוא נאכט אויך מקדש זיין„ האט אים פייגעל
גיענטפערט · ווייל דער רב טוב זאגט דאש דיא בנות ישראל זיינ
גיגליכין צוא דער לבנה · און דיא בנות ישראל ווערין מקודש אוי
פרייטאג צוא נאכט נאך דעם דין פון דער גמרא וואש זאגט בשלשה
דרכים האשה נקנית :
,א כמהן · כמהן„ האט זיך אפ גירופין דער קאסמינער לאכענד
דיא



יא לבנה איז דאך גאר אנקבה · האט ער ביא איר גיפרעגט וויא
מט אנקבה, מקדש צוא זיין אנקבה„ און ווען אזו, האט זיך דיא
יגעלע אפ גירופין ,איז מיר אוואונדער איבער אוואונדער וויא קומט
יר צו געבין שלום עליכם„ :
השיחה הזאת) דיזע געשפראך האט גידויערט אזו לאנג ביז עס
אט זיך דער הימיל פאר צוינין מיט איינעם רעכט דונקעלין וואלקין ·
ן עס האט אן גיהויבין צוא דונערין צוא בליצין און צוא שפריצין
רענין · און דאן האט זיך אונזר פאר פאר ליבטע צו שיידעט · דיא
ידע מיידכען זיינען אריין אין שטוב · און דיא צווייא בחורים
נען אוועק אין דעם בית המדרש :

## 8.

## „דיא קוא„

כמנהגנו עתה) וויא דער מנהג איז איצונד ביא אונז דאש
רייטאג צוא נאכט מאכט דאס רב עולם אמנין ביא זיך אין שטוב
ן זיינע הויף שכנים · אזו וואר דאן דארט אין פירקאווע אויך אזו
יא זיטע · און דאש האט גיגעבין איינע גוטע געלעגענהייט דאש
ש זאל גיקלערט ווערין אין פיל קליינע באסיפות איבער דעם
ארגענדיקין גיין דאוונען אין שול · אין בית המדרש · דאש הייסט
יא עס איז איצונד צוא ריסין דער ערוב וויא זאל מען קאנען טראגין
ט זיך נאז פאציילקעס · דען שוין מעהר אלם פופציג יאר דאש
ין פירקאווע איז דער ערוב קיין מאל פסול גיווארין · און מיהאט
לץ גימאגט טראגין · נון פאר שטייט זיך דאש עס וואר דאריבער
יער פיל גערעט · מען האט זיך זייער שטארק מפלפל גיוועזן ·
עפשטעלט · יעדער יונגער מאן האט ארויש גיוויזין איין אנדער
יתר · און מען וואלט זיך דאריבער מפלפל גיוועזן געווים ביז
רוישין טאג ווען עס וואלט זיך ניט גיפינען ביא איין מנין איין
יוויסער אלטער מאן פון איאר אכטציג וואש גידיינקט דאש אין
יינר קינדהייט האט אויך גיטראפין אזו איין אומגליק מיט איין ערוב

וויא איצונד · דאש הייסט דאש ער איז פסול גיווארין · נור דורך
איין אנדער סבה · אונ דאן וואר נאך דיא שטאט אפילו פרימער
אלס איצונד · עש האט נאך דאן גילעבט דער אלטער מגיד אונ פון
דעסט וועגין האט מען מיט זיך גיטראגין נאז פאציילקעם :

קוים אבער האט דיזער אלטער מאן ארויש גירעט דיזע רייד
האבין זיך ארום גישטעלט ארום אים אלע מנין לייט אונ האבין אים
גענייטיגט דאש ער זאל זייא דער ציילין דיא גאנצע געשיכטע אויף
קלאר · דען וואס קען נאך זיין וויכטיגער פאר אקליין שטעטיל וויא
דיא געשיכטע פון איינעם ערוב פסול ווערין · דער אלטער האט
זיך ניט גילאזט בעטין זייער פיל אונ האט עש זייא דער ציילט

בהיותי) אלס איך וואר נאך אלט קוים פופצעהן יאר · דאס
הייסט אפאר יאר נאך מיין חתונה · געדיינק איך וויא היינט · דאס
מען האט גימאגט טראגין אין גאנץ פירקאווע ווייל דיא שטאט וואר
דאן גאנץ אנדערש גיבויט · דאש מיט איין ערוב האט מען איר גימאכט
פאר איין רשות היחיד · אונ דיזער ערוב וואר שוין אלט פון כמה
צעהענדליג יארין אונ וואר גישוינט זעלבסט פון די קריסטין · זעלבסט
ווען אפולק אולאנער פלעגט דארפין דורך גיין דורך פירקאווע פלעגין
זייא צו האלטין זייערע פיקעס באלבסון דאש הייסט אין דער קרים
דאמיט זייא זאלין ניט צעפען דער מיט דעם ערוב · נון האט זיך
דאן גיפונען אקוא ביי דעם ר׳ חאצקיל יאחוועדם וואש וואר דאן
פרנס הודש וואש זיא האט גיהאט אשעד אין קאפ · אגאנצע וואך
פלעגט זיא געבין אפילו זייער פיל מילך · אונ וואר דער ביי בראו
אונ רואיג · נור אום שבת פלעגט זיא ווערין עפעס וויא משוגע אונ
פלעגט אום צוא לייפין מיט פולע אייטער ארום דיא ברונימער מיט
קולות · אונ איר גרעסטער פארגעניגין וואר צוא שטויסין אלץ דיא
שטאנגען פון דעם ערוב · אונ אליץ מיט גרויש רשעות · נון האט
דער גרוישער בעל שם ר׳ יעקאב וואש איז דאן גישטאנען אין א
איינעם היילגין בערוף · דאש זעלבסט דער אלטער מגיד זכרונו
לברכה



ברכה האט גיהאט פאר אים תרבות · האט דיזער ר׳ יעקאב באלד
פארשטאנען דאס דאש איז נור אמעשה קליפה · אונד האט זיך אן
גינומען מיט זיינע שמות ארויש צו יאגין איר דעם שד פון קאפ ·
אונ דער צוא האט ער גיהייסין דאש מען זאל איר אום פרייטאג
אונ שבת ניט געבין עסין · נון מען קאן אנדערש ניט זאגין · דאש
זיא איז גיווארין דורך דעם אין דיא שבתים טעג פיל רוהיגער · נור
זיא האט פאר ריסין דורך דעם דיא מילך אונ האט אויף גיהערט
צוא געבין מילך זעלבסט אין מיטין וואך · דא איז גיבליבין ביי
דעם ר׳ חאצקעלען דאש ער זאל דיא קוא גאר קוילין · מען האט
גירופין דעם שוחט · איך גידיינק נאך וויא היינט דאש מען האט
אים גירופין ר׳ פנחס · איין טייערער איד גיוועזן · מען האט דיא קוא
גיבונדין · דער שוחט האט בודק גיוועזן דעם חלף אונ האט גימאכט
דיא ברכה · נון האט ער דער הערט צוא זיינעם שרעקין וויא דיא
קוא האט גיענטפערט דארויף אמן מיט גרויש כוונה · אונ עש איז
אים ארויש גיפאלין דער חלף פון האנט פון גרויש פחד · אונ דיא
אלע וואש האבין דיא קוא גיהאלטין זייען צו לאפין · אונ דאן האט
זיך דיא קוא אויף גיהאפט אונ איז אוועק אונ האט גילאזין נאך זיך
אגוטין אן דיינקען אין אונזער שטאט · דען דער ערוב וואש איז
איבער גיקומען אזו פיל שריפות אזו פיל שטורעמס · אזו פיל מלחמות
וואר צום סוף געפלעפט נור דורך איר · דען לייפינדיק פון שוחט
האט זיך אין איר מתגבר גיוועזן דיא קליפה אונ האט מיט דעם
הארין אויש גידרייט ביידע שטאנגען אונ צוא טראטין מיט דיא פיס
דעם דראט · אונ אליין איז זיא נעלם גיווארין דאש מען וייש נאך
ניט עד היום וואו זיא איז אהין גיקומען · אונ אין דעם ערשטין
שבת נאך דיזער שרעקליכע געשיכטע · האט דער עולם גיטראגין
דיא פאציילקעם ארום גידרייט ארום דיא הענט · אדער ארום
גיגארטילט ארום זיך · אונ דאש האט אזו לאנג גידויערט ביז מען
האט גימאכט אנייעם ערוב פון גוטעם קופערנעם דראט · מיר דוכט

זיך דאש ער איז דער זעלביגר וואש דער רשע קערקאוו האט אים איצט צוא בראכין :

הספור הזה) דיזע געשיכטע האט זיך איבער נאכט אויש געברייטעט איבער דיא גאנצע שטאט מיט נאך פופצעהן ליגענס דער בייא · אונ דער סוף דער פון וואר דאש דער גאנצער עולם ואיז אויף מארגין ארויש מיט געוויקעלטע הענט אונ גיגארטילט מיט שנופטיכער · דאש דער רב וואר זייער אויף גיבראכט דאריבער אונ האט גיהאלטין צוא ליב דעם אדרשה · אין וועלכע ער האט באוויזין דאש דאס איז איין איסור גמור · אגב האט ער זייא מרמז גיוועזן דאש דיזעם אום גליק מיט דעם ערוב איז גשעהען גראדע אויף דעם שבת וואש מען לייענט דיא תוכחה ווייל זייא זיינען זינדיק מאנכע פרויען גייען אין שייטלען · אין אונטער קליידער :

סוף דבר) קורץ דער פון עש וואר דארט איינע טרויעריגע שול צייט · עש וואר דארט זייער פיל גירעט אונ גישפראכין איבער נייע תקנות · אונ דיזע טרויעריגע, אונ דויעריגע שול צייט האט אבער קיינעם אזו דאקוצעט וויא אונזערין צעמפעלבורגער וואש האט שוין גיוואלט זיין בייא דעם מקוהניצער אין שטוב אום צו זעהען זיך מיט דער פייגעלע דעם מגיד אונ האט זוכה גיוועזן דארט צוא זיין ערשט ארום צווועלפין · דען לבד וואש האט דארט גידויערט דעם רבס דרשה וואר דארט נאך אגרוישע מחלוקת איבער דעם וואש דער ר' חיים מקוהניצער האט גילאזט אויף רופין צוא דער תוכחה אן שטאט זיך דעם קאסמינער וואש האט אים איין גנוויגעלט נאך נעכטין זיצענדיק מיט אים בייא דעם טיש · דען פון קדמונים אן וואר דארט דער מנהג דאש נור דער מקוהניצער מוז עולה תורה זיין בייא דער תוכחה אונ ניט קיין אנדערער · נון וואר דארט קעפלאך פיסלאך :

קורץ דער פון דער צעמפעלבורגער איז גיקומען צוא דעם ר' חיים מקוהניצער אין שטוב נאך דיא לאנגע שול צייט הונגעריג וויא אוואלף אונ פאר ליבט איבער דיא אויערין · אונ איז דארט אויף גינומען



גינומען גיווארין זייער פריינדליך פון דיא איבעריגע הויז לייטע · עש ווארין דארט אבער נאך פיל פרעמדע וואש זיינען גיקומען צוא זייערע צאלעגטין וואש ווארין דארט גירוקט · דען עש וואר איין גרוישער אויבין בייא דעם ר' חיים אונ פילע לייטע פלעגין דארט אימער צאלינט צוא רוקין · נון איבער דעם צוא ריסענעם ערוב האבין זייא גימוזט שוין דעם צאלינט דארט עסין · אונ אזו מעהר אלס צעהן קוגלן האבין אין דיזם שבת גדאמפט (געפארעט זיך) אויף דעם ר' חיימס טיש · דער מלך פון זייא אבער וואר דער קוגיל פון דעם ר' נח בראלל וואש האט ממש וויא צוא זאגין געוויינט פון פעטקייט אונ גישמעקט פון בשמים אונ פון ראזינקעס · אונ האט גיהערט אזו נור צוא דעם צעמפעלבורגער אליין וויא דער גאנצער צאלינט · דאן דער ר' נח בראלל מיט זיינער פרויא זיינען דאך אהין ניט גיקומען אום צאלינט צוא עסין · נון פאר שטייט זיך דש דר צעמפעלבורגער האט דער מיט בעווירטעט (מכבד גיוועזן) דעם ר' חיים אונ דיא צווייא טעכטער מיט דעם קאסמינער · אונ עש וואר דארט פריידען איבער פריידען · דער בייא האט פייגעלע גיהאט אויגין נור פאר דעם צעמפעלבורגער · אונ ער נור פאר איר אונ האבין זיך מיט זייערע שטומע בליקין פיל מעהר בעשפראכין אלס מיט טויזינד צונגען :

ובכל אלה) אונ דאך וואר בייא דעם טיש זייער פיל תורה גיזאגט · איבער הויפט וואר דארט געפילפעלט איבער דעם דין צוא מעג מען טראגין אפאצייליקע ארום גיגארטילטערהייט אום שבת · אונ עש איז דארט אזו וייט גיקומן דאש דער צעמפעלבורגער מיט דעם קאסמינער האבין באוויזין מיט טויזינד ראיות פון ש"ס דאש דאס איז איין היתר גמור · עש ווארין דארט פיל לומדים דער בייא וואש האבין צוא זייא מסכים גיוועזן · אונ האבין עס דער טראגין דעם רב · אין אן פאנג האט עס אים אפילו פאר דראסין דער נאך כבוד האט ער מודה גיוועזן על האמת דאש ער האט פאר זעהען אונ

האט געלאזט מודיע זיין דורך זיין משרת צוא בעלי בתים גבוהים דאש מען מעג ארויש גיין אין גאס מיט ארום געגארטעלטין שנופטוך :

נון פאר שטייט זיך דאש דיא צווייא בחורים האבין דורך דעם קונה שם גיוועזן · אונ נאך מנחה איז זיך דער עולם ארויש שפאצירין פון קליין ביז גרויש ארום גיגארטילט מיט דיא שנופטיכער אויף צוא להכעים דעם רשע דעם קערקאוו צוא ווייזין דאש ווען אויך ער האט דעם ערוב פסול גימאכט פון דעסט וועגין טראגין זייא מיט זיך דיא שנופטיכער · יעדער באזונדער איז גיגאנגען פאר בייא זיין שטוב צווייא דרייא מאל הין אונ צוא ריק אום נור עם אים צו ווייזען דאש ער האט זייא מיט זיינע רשעות גאנץ ווייניג גיטאן · אונ דאש האט דעם קערקאוו אזו ווייט גיקריינקט דאש ער האט באלד נאך שבת פאר קויפט זיין הויז אונ איז ארויש גיפארין פון פירקאווע קיין איינגלאנד אונ האט דארט בעקומען ארבייט בייא דער איין ריכטונג פון דיא טעלעגראפין וואש מען האט דאן דארט אן גיהויבין צוא מאכין · דיא שטעטיל לייט אבער האבין גיזאגט דאש עס האט אויף אים געווירקט נור דעם רבס קללה דאש ער זאל נעקר ווערין פון דיזער פרומע קהלה · אונ דער פאר וואש ער האט צוא ריסין דעם הייליגן ערוב איז זיין שטראף דאש ער זאל מאכין אום הייליגע ערובין דאש הייסט דיא טעלעגראפען וואש ווערין אויך גימאכט פון דראט מיט דריינגליך · אונ דער רב איז גיווארין דורך דעם דרייא מאל הייליג :

## 9

### „דיא גליקליכע איין לאדונג„

אונ אזו זיינען זיך איבער גילאפין אפאר חדשים נאך דיזער געשיכטע אין וועלכע עש איז קיין טאג ניט איבער גיגאנגען אין וועלכען אונזערע ארעמע פאר ליבטע האבין זיך ניט גיזעהען אונד יעדעם מאל כלומרשט ניט געריכטער הייט · דען דיא ליבשאפט





איז גינוג רייך אן קלוגע אויש געראכטע גילעגענהייטין · אונ פון ביידע צדדים ווער גיווארט מיט גרויש: אונגעדולד · אויף דיא גליקליכע שטונדע אין וועלכע זייא זאלין זיך שוין קאנען גאנץ אפין אויש זאגין איינער דעם אנדערין זייערע איניגע ליבע · אונ דיזע גליקליכע שטונדע האט ווירקליך איין גיטראפין אום ראש חודש כסליו :

דיזער טאג וואר וויא גיוואונליך איין הערבשט טאג זייער טריב אונ רעגענדיק · ר׳ חיים דער מקוהניצער איז זיך גיזעסין איבער דעם גראבין ספר של״ה וואש וואר זיין אורים ותומים : דען פון אים פלעגט ער ארויש צו פארשטין זייער פיל עתידות (דאש הייסט וואש עש וועט מיט אים שפעטער פאסירין) איצונד אבר וואר ער פאר טיפט אין אים מעהר אלס אלע מאל דען ער האט דאן גיהאט זייער פיל וואש הערויש צוא פארשטען פון אים : ערשטינס וואש וועט זיין ווען דיא מקוה וועט שוין איין פאלין · דען זיא איז שוין אחורבה קוים וואש זיא האלט זיך · צווייטינס וואש וועט זיין דאש ענדע מיט זיינע צווייא דער וואקסענע מוידין · מען דארף זייא שוין חתונה מאכין אונ ער קען ניט געבין קיין נדן אונ קיין קעסט · מיט איניגע יאר צוא ריק · דאש הייסט פאר איאר פופצעהן וואלט עס אים אפשר קיין דאגה גיוועזן · דען ער וואלט זייא חתונה גימאכט מיט ארעמע בחורים אונ וואלטין באלד נאך דער חתונה גיקנעלט · איצונד אבער מוז מען זיין עקזאמענירט · אונ צוא געלעהרטע איז זיך שוין ניט צוא צו שלאגין · דריטענס איז ער שוין רעכט אלט אונ שוואך · נון וויל ער ויסין ווען ער וועט גאר שטארבין · פערטינס וואר שוין ניט פון וואנען צו לעבין ·: דען דיא בעסטע קונדין דיא טויבע האט שוין ניט בעזוכט דיא מקוה מעהר אלס צווייא מאנאטין ווייל וויא מען זאגט זאל זיא ניט רעכט גיזונד זיין · אדער פירייכט ווייל זיא וואר מיט איר מאן מער אלס איין מאנאט אויף לייפציגער מעס · אונ פון איר פלעגט ער

צוא האבין אלע מאנהייט איין הארטין טאלר אונ נאך וואש דער צו :
דער אלטער שפריכווארט אבער זאגט „וואו דער נויט איז אם
גרעסטין · דארטין איז דיא הילפע אם נעכסטען · אונ אזו וואר דא
אויך · דען אין דער זעלבע שטונדע אין וועלכער דיזער אלטער
וואר דא אזו שטארק פאר נעבעלט (פאר טומאנעט) מיט דיזע
פינכטערין זארגין האט אריין גישיינט מיט אמאל איין ליכטיגער
שטראהל פון איינער גוטין האפענונג · אונ דאש וואר דיא שווארצע
שרה · דיא דינסט אידענע פון דער רייכע טויבע · זיא איז אריין
אין שטוב מיט איינער פריילעכען מינע · האט דעם אלטין זייער
פריינדליך געריסט אין דעם נאמען פון איהר דאמע · האט אים
גיגעבין אטאלער · אונ האט צוא גלייך גיבעטין דאש ער זאל
אריבער שיקען זיינע ביידע טעכטער פייגעלען אונ גאלדען צוא איר
ווירטין · אונ איז זיך אוועק לאבענד · נון פאר שטייט זיך פון
זעלבסט דאש עס איז גיווארן דעם אלטין טאג אין זיינם הערצין ·
דען ער האט זייער גוט פאר שטאנען דאש זיינע קינדער ווערין גיוויס
גירופין צוא וואש גוטעס · אונ האט זייא אזו באלד אויף גיזוכט
אונ האט זייא אן גיזאגט דיא בשורה טובה · אונ דיא ביידע מיידכען
זיינען גיווארין דורך דיא בשורה טובה אין דיזער מינוט מיט
צעהן יאר אינגער · האבין זיך ארום גיוואשין · דען זייא זיינען
אקארסט גיקומען פון קעסיל וואש זייא האבין אים גיווארימט צוא
דער מקוה · האבין זיך אן גיטאן יום טובדיק אונ זיינען אוועק צו
דער טויבען · אונ דער פאטער האט זייא גיבענטשט דאש זייא זאלין
זיך אום קערין צוא אים מיט גליק אונ מיט פריידין וויא דיא פרומע
אונ ארעמע רות פון דעם בועז · דאש הייסט מיט דעם גוטין האפענונג
כלות צוא ווערין · אונ פייגעלע דער מגיד האט גיענטפערט אמן :
זייא זיינען צוא טויבין גיקומען אלס עש וואר רעכט פינסטער ·
זייא האבין איר דער וויסט מיט איר מאן ר׳ נח בראלל זיצענדיק
ביא דעם טיש טריגקענדיק קאווע · זייא ווארין ביידע זייער
פריילך



פריילך · אונ האבין זייא אויף גינומען זייער פריינדליך „וואש
מאכט איר מיינע ליבע קינדער„ האט זיך דיא טויבע צוא זייא אפ
גירופין · איך האב אייך שוין ניט געזעהן מעהר אלס צוויא כאנאשין ·
אמת אטייל דער פון וואר איך ניט גיזונד · נון בין איך היא אונ בין
אויך גיזונד אונ נאך מעהר וויא גיזונד · דען גאט ברוך הוא האט
זיך אן מיר דער מאנט · אונ איך בין אין גיזעגענטין צוא שטאנד ·
אונ גראדע פון יענעם דאנערשטאג אן אין וועלכין איך וואר ביא
אייך אין וואסער דעם לעצטין מאל · אונ דא ניט לאנג האב איך
פאר שפירט דעם ריכטיגסטין בעוויז דער פון · נון דוא מגיד וואש
דוא האשט מיט מיר מיט נעוויינט אלם איך וואר שווער מטהיג
איבער דעם וואש איך בין איינע עקרה · האסט מיט מיר דורך
געלייענט דעם גאנצין ש״ס תחינות · אונ אזו אויך דיא גאלדע וואס
דוא פלעגסט צוא יעדער ליר טבילה מיין אונרוהיגעם הערץ איינוויגען
מיט דיינע פרומע גיזאנגען פון דיא היילינע תפלות אונ האסט דורך
דעם מיינע זיילע צוא גאט גיהייבין · איר ביידע ביא זאמען נעמט
נון אן טייל אן מיינער גרויסע פריידע דאס איך האב שוין גינוג
האפענונג צוא ווערין אמוטער · אונ בין אזו אויך בדייט צו באצאלין
מיין נדר וואש איך האב אין דער לעצטע ליל טבילה אנגער גיטאן
ביא אייך אין שטוב דאש ווען גאט וועט זעהען מיין עלענד אונ
וועט מיר ברייגנען אין גיזעגענטין צוא שטאנד וועל איך אייך דער
פרייען מיט חתנים איר האט דאן גיענטפערט „אמן„ אונ גאט האט
אונז דער הערט · איך האב עש דאן דער ציילט מיינעם מאן אונ
ער האט אויך דיזען נדר בעפעסטיגט · נון ווילין מיר איצונד שוי
עם מקיים זיין אונ מאכין מארגין צוויא תנאים אויף איין מאל ·
דען מיר זייען שוין מיט יענע צדדים אויך פארטיג · דיא ביידע
בחורים ווילין אייך · נון פעלט עם מער ניט וויא פאר צו לייגין עם
אייערעם פאטער · מיר ווען אייך אונ אייערע חתנים זייער שיין
קליידין אונ געבין צוא הונדערט טאלער נדן דער צו נאך אונזער

הוצאות

הוצאות החתונה · נון זייט איר צוא פרידין מיינע טייערע קינדער :

„א טויזינד דאנק אייך מאדאם„ האט זיך אפ גירופין פייגעלע
דער מגיד„ בעסער קען שוין קיין פאטער זיינע קינדער בעהאנדלען
אלס איר ווילט אונז באהאנדלען : דאך לאזט זיך דער בייא וואש
איין ווענדין מיט תורה אליין קען מען אבער אין דיזע צייטין ניט
לעבין · איין רמז דער צוא גיט אונז דער חומש ער הייבט זיך אן
מיט דעם ווארט „ראשית„ אונ לאזט זיך ניט אויש מיט דעם ווארט
„תכלית„ איין בעווייז דאש פון לערנען איז קיין תכלית דא פאר
דיזעם לעבין · בפרט נאך אין אונזערע נייע צייטין וואש מען לאזט
ניט ווערין קיין לעהרער קיין רב אן עקזאמען · נון מיט וואש וועלין
אונזערע ארמע מאנן קענן אונז גנערן · זייער תורה איז שוין אין
אונזער לאנד אקנאפע סחורה · דאס זעהען מיר צוא דייטליך ארויס
פון אונזער פאטער וואש איז אויך איין רעכטער למדן · נון זיצט
ער איצונד אין שטוב אונ ווערט ניט גיברויכט צו קיין זאך וויא איין
אלט מאדעשעס קלייד„ „נוא מגיד„ האט זיך דער ר' נח צוא איר
אפ גירופין וואש דען ווילסט דוא„ „איך וויל פון אייך פיל ווייניגער
אלס איר ווילט אונז געבין · איך פאר לאנג פון אייך מער ניט דאש
איר זאלט נעמען מיט קיין פראנקפורט דע מיין אלס איר וועט אהין
פארין אויף דער מעסע אונזערע ביידע חתנים · אונ זאלט זייא
דארט ביידין פאר שטעלין פאר דיא בערלינער גבירים וואש קומען
אהין · איר זאלט זייא זאגין אזו „איר זייט צוואר גרוישע טרייפנאקעס
דאך האט איר אידעשע הערצער דאש איר זייט מחזיק בני תורה
אונ יונגע קינדער וואש נעמען זיך, צום בילדין אונ דיזע ביידע
בחורים האבן ביידע גרויסע קעפ · דר קאסמינער וואש איז אגרויסר
בקי וועט ווערין אין איאר דרייא איין געבילדעטער ראבינער אונ
וועט באקומען איינע גרויסע שטעלע אין אגרוישע שטאט · אונ
מיין צעמפעלבורגער וואש איז אגרוישער רעכענמייסטער אונ פאר

שטייט



שטייט זייער גוט מייך ער קען ווערין איין גוטער בוך האלטער אונ
איין גוטער קויפמאן · אונ קען דאן ביא אייך זעלבסט באקומען
שטעלע אין אייער גרויסין גישעפט · דען ניט פאר געסט · דאש
איר זייט שוין קיין יונגער מאן איר ברויכט שוין צוא האבין איינע
געהילפען אין אייער מסחר · ער וועט אייך דינען זייער טריא
אונ ערליך :

„גוט מיין קינד„ האט זיך דער ר' נח צוא איר אפ גירופין„
דאש דארף דאך אבער גיווערין איינינע יאר ביז זייא ווערין זיך אוים
בילדין · נון פון וואנען וועט איר דער ווייל לעבין · דען אייער
פאטערס פרנסה ווערט דאך פון טאג צו טאג וויניגער · דאס איהר
האט שוין איצונד כמעט ניט פון וואש אטאג איבער צו קומען„ „דאש
זיין ליבער הער„ האט זיך דיא פייגעלע דער מגיד אפ גירופין
וועט אויך רעכט ווערין ווען איר וועט נור וועלין · איך פאר לאנג
פון אייך דאש איר זאלט מיך אריין נעמען צוא אייך אין שטוב
פאר איינע דינסט מיידכען · דען אייערע אלטע שרה וויל דאך שוין
פון אייך אוועק גיין ווייל זיא איז שוין שוואך · נון וועל איך
באדינען אין קיך אונ וועל נאנצין אי"ה דאס קינד מיט וועלבין
דער ליבער גאט וועט אייך אין דיזעם יאר ערפרייען · איר אונ
אייער טויבע וועלין פון מיר העכסט צו פרידין זיין · מיינע שוועסטער
מאדע וועט דער ווייל לערנען מיט מיידלאך דען זיא איז אין
דעם איינע גרויסע מייסטערין · „גוט„ האט זיך אפ גירופין דיא
טויבע „עש איז אבער איינע גרויסע פראגע צוא וועלין עס
אייערע חתנים וועלין„ „דאס איז שוין„ האט דיא פייגעלע גיענטפערט
וויא אפ גימאכט מיט זייא · זייא ווינצען עש פון גאנצין הערצין :
עש ווענט זיך נור אן אייך :

„גוט מיינע ליבע קינדער„ האט זיך דער ר' נח אפ גירופין„
ווען אזו טוען עס מיר געהרען · איך נעם דיך מיט פריידין אריין אין

מיין

מיין שטוב · איך וועל דיך געברויכען אלס איין קאמער מיידכען צוא מיינער פרויא · דיא קיכע וועט איינע אנדערע פאר זארגין · נון רופט מיר שוין איירען פאטער · איך וויל נור הערין צוא איז ער דער צוא מסכים :

בלילה ההוא) אין דיזער נאכט איז גירופין גיווארין צוא דעם ר׳ נח דער פאטער · דיא צווייא בחורים אונ ניט איינער פון דיא דרייא האבין גיהאט וואש איין צוא ווענדין אין דיזעם פלאן אונ דיא ביידע שידוכים זיינען דאן גיענדעט גיווארין אויף איין קלאפ · אונ עש וואר דארט פריידין איבער פריידין :

## .10

## דאס ענדע

אין איינינע טעג ארום איז דער ר׳ נח מיט דיא צווייא בחורים אפ גיפארין קיין פראנקפורט · אונ דיא פייגעלע דער מגיד איז דאן אן גיקומען צוא דער טויבע · זיא וואר גיהאלטין ביי אים אין שטוב פיל מעהר אלם געזעלענשאפטערין אלס קאמער מיידכען · דען דיא פייגעלע וואר ווירקליך איין וואהרער מגיד · אונ פלעגט דיא טויבין אונטער צוא האלטין אימער מיט אנייע דרשה · מיט וויציגע תורה ווערטלאך · דאש דיא טויבע האט שוין ניט גיקענט איינע מינוטע לעבין אן איהר · אין אהאלבעם יאר ארום האט זייא שוין גינאנצעט איין קליינעם איציקער דאש הייסט טויבעם קינד · אונ עש וואר דארטין אין שטוב פריידין איבער פריידין · לבד דעם האט אן גיהייבין דעם ר׳ נח צוא גיין אין זיינע געשעפטין צעהען מאל בעסער אלם פריהער דאש דער ר׳ נח אונ זיינע טויבע האבין גיהאט שוין גינוג אורזאכע צוא גלויבין דאש גאט האט גיבענצט זייער הויז נור צוא ליב דיזעם מיידכען · דען זינד זיא איז ארין אין שטוב

צוא



צוא זייא איז גאטעס זעגען ארין צוא זייא דורך טיר אונ פענסטער · זייא זיינען גיווארין פיל גיזינטער אונ רייכער · אויך דיא גאלדען איז זייער גוט גיגאנגען זיא האט זיך אלע וואך פאר דינט איר אויש קומען אונ האט נאך גיהאט מיט וואש צוא שטיצין איהרעם אלטין פאטער :

וכן) אונ אזו זיינען זיך איבער גילאפין פיר יאר וויא איין גוטער טרוים אין פריידין אונ אין האפענונג · אונ דאן זיינען גיקומען צוא ריק פון בערלין דיא צווייא בחורים ביידע אויש גיבילדעטע מענער · דער קאסמינער מיט איין פאטענט פון איינעם ראבינער · אונ דער צעמפעלבורגער מיט אפאטענט פון קויפמאן אונ בוך האלטער אונ מיט גרוישע שפראך קענטניסע אונ האבין חתונה גיהאט מיט דיזע ביידע מיידכען · באלד נאך דעם איז גישטארבין דער רב פון פירקאווע דער יצחק ר׳ שמחת אונ דער קאסמינער איז דארט גיווארין רב אן שטאט אים · אין אפאר יאר ארום איז ער גיווארין רב אין איינער פון דיא פרייסישע דיא גרעסטע שטעט · דער צעמפעלבורגער איז אן גיקומען צוא דעם ר״ נח אין גישעפט · אונ האט אזו ווייט מצליח גיוועזן דאש מיט דער צייט אלס ער האט דער לעבט אטאכטער מיט דער פייגעלע דעם מגיד האט ער זיך מתחתן גיוועזן מיט דעם ר״ נחם זון מיט דעם בן יחיד איציקלען · דיזע יונגע פאמיליע לעבט נאך דארט עד היום אין עושר אונ אין כבוד אונ מען רופט זייא בדארט „דער מגיד„ דיזע געשיכטע בעלעהרינט אונז · ערשטינס וויא ווייט גאט ברוך הוא העלפט דיא מענטשין וואש זיינען מקיים זייער נדר · אונ ווידער צוא וואש פאר אגראד עש קען דיא עכטע בילדונג ברייגען עלבסט דיא ארעמסטע קינדער וויא דער קאסמינער אונ דער צעמפעלבורגער ווארן · באם מען גייט נור דער ביי בדרך הישר וויא דיזע ביידע זיינען גיגאנגען :

דריטענס איז דער פון צו זעהען דאש חכמה אונ תורה קענען

גיין

גיין פריינדליך האנד אין האנד אונ ציהען איינע די אנדערע וויא דער פאל וואר, ביא דיזע צוויא אויסגעבילדעטע ארעמע בחורים וואש זיינען נאך עד היום ביידע אידעשע גרוישע לייט · אונ איזט ניט וויא מען מיינט דאש דיא בילדונג שאדעט דער פרומקייט אונ דיא פרומקייט שאדעט דער בילדונג · אונ ווען מיר זעהען דאש מאנכע געבילדעטער איז ניט פרום איז עש נור ווייל ער וואר פריער אויך ניט פרום וויא דער פרומער איז ניט געבילדעט אויך אויש דער זעלביגען אורזאך · דאש הייסט ער וואר פריער אויך ניט געבילדעט אבער ניט ווייל איינע פערדריינגט דש אנדערע · וואול דען עלטערין וואש פאר שטייען ביא צייטין איין צו פלאנצין אין דיא יונגען הערצין פון זייערע קינדער חכמה אונ תורה ביא זאמען · דאן ווערדין זיא גיווים געבילדעטע פרומע יודין אויש וואקסין · וויא דיזער פאל טרעפט זייער פיל ביא אונז אידין אין אלע צייטין אונ איצונד אויך : אונ מיר האפין דאש עש ווירד אן אונז מקוים ווערין דער פסוק וכל בניך למודי ד׳ ורוב שלום בניך · דאש הייסט אלע דיינע קינדער ווערין זיין גרוישע גילעהרענטע אין תורה אונ אין חכמה אונ עש ווערט הערשין אונטער זייא גרויש פרידין · דאש הייסט דער ענין פון חכמה אונ תורה ווערין ביא זייא איינשטימיג זיין אמן :